STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01759

VANDERSHTOK IN BLI

Nahman Rapp

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן ראפפ

וואנדערשטאַק אין בלוי

נחמן ראפּפּ

וואַנדערשטאָק אין בלי

לידער און באַלאַדן

פאַרלאַג "איביק", ירושלים

תש"ל—1970

NACHMAN RAPP
VANDERSTOK IN BLI

©

פארלאג ״אייביק״, ירושלים
נדפס בישראל תש״ל
Printed in ISRAEL 1970

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון קרן־הנשיא מר זלמן שז״ר
און יידישן שרייבער־פאריין אין ישראל

דפוס ״**חבצלת**״, הרצליה

דאָס איז זי, די פּיין,
וואָס פאַרנאַרט מיט איר שיין,
פאַרגייט און קומט אויף ווידער.
זי וועט זיין, אייביק זיין,
זי איז אין בלוט מיר אריין,
פאַר דיר נאָר זיין וועט זי — לידער.

פון זעלבן מחבר:

פונקען אין אש

— לידער. פארלאג "נידערשלעזיע" פוילן, 1947

אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן

— לידער און פאעמעס. פארלאג "פרסומים", ישראל, 1958

א קרוג מיט וויין

— לידער. פארלאג "י. ל. פרץ", ישראל, 1962

באשר הוא אדם

— ספורים. הועדה להוצאת כתבי נ. ראפ בעברית ישראל, 1966.

בײַ דײַן טויער, ירושלים

ביי דיין טויער, ירושלים

א.

אָ, די אומבאַגרייפלעכע.
איך שלאָג צו דיינע טויערן —
אַ כוואַליע אָנגעפּוישטע מיט עקשנות
פון אָנגעגרויטן בליי.
גרייף איך אָן דיין אייביקייט
מיט מיינע אָנגעגליטע רגעס
און ווער פאַרשטראַלט אין שטיין
פון שער הגיא.

ווער האָט געבונדן מיינע טריט דאָ,
איך זאָל צו דיר נישט קאָנען אויפגיין ווי אַ שטראַל?
כ'בין אויפגעגאַנגען גלייך מיט דיר
אין פּורפּור-פלאַם של מעלה,
און פון צאָרן געטלעכן מיט דיר געטאָן אַ פאַל.
פון דעמלט כ'גיי צו דיר און גיי.
איך, געפאַלענער, אין אויפקום פונעם תהום,
און אַלץ נאָך אין דיין טויער כ'שטיי,
און טרינק זיך אָן מיט שטראַליקייט און וויי,
ביי דיין גבורה-לאָגל אַ דורשטיק-פיבערדיקער שוואָם.

ווי לאַנג נאָך, אָ ווי לאַנג
וועל איך ביי דיין טויער שטיין,
און אין דיין בלויער קדושה נישט אַריין.
איך האַמער מיט מיין האַרץ אין ווייסקייט פון דיין שטיין,
און מיינע אויגן שטראַלן מיט געוויין,
און טרינקען אָן דעם שער הגיא מיט גרינעם וויין.

אָ אומבאַגרייפלעכע,
אויג-איין אויג-אויס
גלי איך ביי דעם טויער דיינעם פונדאָסניי,
אַ כוואַליע אָנגעפּוישטע מיט עקשנות
פון אָנגעגרויטן בליי.

ב.

אויפן באַרג, מיטן בליק צום הר הבית,
די מאַדאָנע מיטן קינד אויף דער האַנט.
שטייט זי און קוקט אויפן רויש פון די וועגן,
דאָס קינד אויפן אָרעם באַזוניקט, באַרעגנט,
קוקט צו דעם ראַנד פון דער וואַנט...

יאָ, די וואַנט... אויפגעוואָרצלט פון טיף פון די יאָרן,
צעוואָקסן אין טוי פון געוויין.
ווען ער וואָלט פון קינד צוריק מאַנצביל געוואָרן,
וואָלט ער אַראָפּ איצט פון שטיינערנעם אָרעם,
און אַוועק קיין גליל, אַהיים.

ברענגט צוטראָגן דער ווינט די נייעס צו דעם קינד,
אַ פול-ווינטיקע פּאָלע מיט נייעס,
יאָ כהן גדול און נישט זיין געזינד,
מען דאַרף זיין אַ ווינט צו באַנעמען געשווינד:
יידן ביים הר הבית !

אינעם טאָל שער הגיא יונג געביין אינעם בליי,
די מאַדאָנע צו דעם מיטן רוקן.
נאָטר-דאַמעלע-קינד, מעגסט גלויבן דעם ווינט,
די בראָנזענע בלום איז דיר מוחל אַצינד,
פאַר קוקן צו איר מיטן רוקן.

אין די נעכט, אין די נעכט... אין שאָטן־געפּלעכט,
וויינט דאָס קינד מיט מאַנצבילשע טרערן,
אָט די וואַנט, יענע וואַנט, אין מלאכים־געפּעכט,
ברעכט די מאַדאָנישע זיילן און ברעכט,
צוריק כ׳וואָלט אַ מאַנצביל איצט ווערן.

טוליעט נאָטר־דאַם איין דאָס קינד אינעם שאַל,
באהאַלט אים פון ווינט און פון רעגן.
נאָר פון דאָרט, פון דער וואַנט, טראָגט זיך שופר־געשאַל,
און דער ווינט טוט אַן עפן דעם זילבערנעם קוואַל,
פון יידן אויף הייליקע וועגן...

אויף די בלויע פליגל פון דער שכינה

קיינער איז נאָך קיין ירושלים נישט געפאָרן:
זיידענע פליגל, געוועבט פון לויטערע קאַיאָרן,
פלאַטערן פון בערג אַראָפּ אין בלויען פלאַטער,
דערהויבן דעם עולה-רגל פון בענקשאַפטן פאַרמאַטערט,
און ברענגען אים דורך שיין און זמר,
צום קוואַל פון מים-חיים —
ירושלים.

עס טרעפט דער עולה-רגל פארלירט אין וועג זיין לירע,
נידערן מלאכים און זינגען פאר אים שירה,
שטייגט די שירה פון אַ שטאַפּל אויף אַ שטאַפּל,
און גייט אויף אין ליכט פון דעם שוואַרצאַפּל,
דערזעט ער זיך ביים טויער פון קדושה און תפארת, —
דערזע עס מיט דיין אויג, מיט דיין הארץ דערהער עס.

און ס׳טרעפט, דער עולה-רגל איז אייביק עולה-רגל,
צווישן וואָך און ירושלים בלייבט ער אויף די וועגן,
דערזעט ער זיך אין אויפשפּיל פון גורלות,
אַ פיאָלעטער באלעם אין אויפגלי פונעם ים,
אויסגעצאַנקט אין שיינקייטן פון גלות,
אויפגעגאנגען צו דעם הימל-בלוי אין פלאַם,
האָט ער באַוויזן נאָך ירושלים, דיין נאָמען אויסצוריידן,

האַלטנדיק דעם שם הוויה אונטער צונג,
מיט „שמע״-געשריי ווי זיין קאָרדאָווער זיידע,
און מיט אַ ברענענדיקער קויל אין לונג.

עס איז דיין קדושה, ירושלים, זע זי און דערקען זי,
דיין שטים און איילבירט-בלאַט אין זילבערגלאַנץ,
דער זיידע פון דער ווייסל און די באָבע פון דער טעמזע,
אָפּגעפייערט שטערנטיכל אין דעם קדושים-טאַנץ.
טרויבן-זיסקייט אין די אויגן און זונען-זריחה,
וואַרשעווער געשריי פון קעלער-טיף,
שטראַלסטו אויס דיין קדושה און עס ווערט דיר ניחא,
עפענען דיין שער-הכבוד פאַרן אייניקל פון מהר״ם-שיף.

אייביק ביסטו, ירושלים, אין דיין דויער,
פאַרזיגלט איז דיין הוד אין יעדן שטיין,
וואָס האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך דיין אומהס טרויער,
מיט שכינה-פליגל-פלאַטער פאַרהיט זי פון פאַרגיין,
אַלע, אַלע זענען צו דיר עולה רגל,
אויפצוגיין אין ריח דיינעם פון בשמים און פון מירע,
אויך אפילו דער, וואָס אין וועג פאַרלירט זיין לירע,
ברענגען אים צעפלאטערן די בלויע פליגל פון דער שכינה,
צום טרינקען פון דעם קוואַל
פון מים חיים,
ירושלים.

מ״ין גאנג צום כותל המערבי

איך בין געגאַנגען אין פוסטריט פון צה״ל.
שטיינערנע וועלדער האָבן אויסגעשוויגן די אימה
פון יחידישן גאַנג, צו הויכקייטן געהיימע,
מיט איין האַרץ נאָר, אין פלאַטער,
צו פלאַסטן פון דורות, אין בענקשאַפט פאַרמאַטערט,
מיט פוירהאַנג פון קדושה פאַרהאנגען
און איך בין געגאַנגען.

בין איך אַוועק און אין ווייטקייט פאַרגאַנגען,
און האָב נישט געקאָנט צו דער קדושה דערלאַנגען,
וואָלקנס ווי דורות, אַ דור אויף אַ דור,
פאַרטורעמט דעם חלום, פאַרפעלזיקט די וואָר,
און איך שנייד מיט ציטער פון האַרצן דעם שטיין,
איינער אַליין,
איינער אַליין.

וויי-וויי, האָט אַ סאָסנע אַ יונגע באַדויערט,
ער גייט מיט אַ האַרץ, מיט אַן איינציקס, צום דויער,
אָט פאַלט עס צעשפּליטערט אויף פלאַסטישער שטיינקייט,
און ער, ווי אַ ליכט, פלעמלט אויף אין אַליינקייט,
לאָמיר וויקלען דעם באַרג אין ווייכקייטן טאָליק,
פאַר גאַנג וואָס איז שטייגן,
פאַר גאַנג וואָס איינמאָליק.

האָט סאָסנע צו סאָסנע געוועבן געצויגן,
און שפּיגלען מיט ליכט מיר געשטעלט פֿאַר די אויגן
זוך איך די גרויקייט פֿון אייביקן שטיין,
די שריפֿה אין אויג קיל איך אָפּ מיט געוויין:
דויער פֿון דורות, דערהאַלט מיך ביז שפּעטער,
ביז צו דעם סוף פֿון יחידישן קלעטער,
שענק מיר מיין מענטשלעכן פּלאַטער אויפֿסניי,
פֿאַרזיגל מיך נישט
ביים שוועל שער הגיא.

קומען גבורים ווידערגעבאָרן,
און פֿון שטיינערנעם באַרג גייט אַראָפּ בר-גיורא,
און טראָגט אויף זיין קאָפּ אַ קרוין פֿון גראַניט:
אַ ייד קאָן נישט שטאַרבן, ווי עס שטאַרבט נישט קיין ליד!
דערהער דאָס געזאַנג פֿון דעם באַרג, פֿון די ביימער,
ווו זענען די רוימער? אַוועק זענען רוימער!
גייסט אויף אין דיין ליד מיטן ליכט פֿון דיין לאַנד,
דו ביסט ביי דער וואַנט,
דו ביסט ביי דיין וואַנט!

אין רויש פונעם וואלד...

ווער ס'שטארבט מיט א שמייכל — דעם איז פרעמד געוויין
און אַזוי מיטן שמייכל זיי קומען צוגיין,
גענידערט פון וואלדיקן טונקל אַראָפּ,
מיט נאַכט אויפן קאָפּ,
מיט פראַכט אויפן קאָפּ,
אַרום די מאַשינען-סקעלעטן.

גייט אויף זייער שווייגן אלץ טיפער און טיפער,
ביז ס'עפנט זיי נאכטיק דער וואַלד די אַסיפה,
און שטעלט זיי, וויביימער, אויס אין אַ ריי,
אין שער הגיא,
צעגליטן אין בליי,
מיט לעבנס יונגע געבעטן.

בליען-אויף געפלאָכטענע קראַנצן מיט בלומען,
פאר ביימער אויף נאכט-אסיפה געקומען,
צעוויגטע ביי פאנצער-מאשינען.
זילבערנע ליכטער פון בוים-קרוינען רינען,
נעמט וואלד זיך פארשפינען,
אין חלום אין דינעם,
צוריק נעמט זיין אָנהייב געפינען.

רוישט איין בוים צום צווייטן : זע די וועגן די ברייטע,
אָט שטייען נאָך פאנצערס, גרייטע, געגרייטע,
מיט פאָן און מיט בלומען.

אַ לויב פאר דער נאכט, פאר חלום געדאכטן,
פאַר וואַלד דעם פארטראכטן,
פאַר בלום דעם געבראכטן,
צו מיין נאכטיקן קומען.

דערנאָך נעמט דער וואלד זיך וויגן און וויגן,
פארגייט די אסיפה אין זילבערנעם ניגון,
און מאכט זיין הקפה אין טאָל שער הגיא.
ביז ער קלעטערט צוריק אויף שטיינערנע שטיגן,
און נאכטיקער ניגון
אין גאָלד ווערט אנטשוויגן,
אין זון וואָס גייט אויף אויפסניי...

און געווען זענען זעקס טעג

און געווען זענען זעקס טעג...

האָט פון די הערשאַפטן, רייטער אויף בליץ און אויף דונער,
פייער אין פייער, באַצווינגער פון ים און פון תהום,
אין אורוואַלד פון אור-וועלט געלאָזט האָסט דיין קול זיך צעברומען,
און אויפגעבלויט האָסטו איבער פינצטערן תהום אין דיין רוים.
פייער דיין אָרעם, דער רעכטער, ליכט-שטראַל דיין לינקער,
וואָלקן פון תוהו-געפלעכט אויפן קאָפ דיר אַ קרוין,
דיין ווילן שניידט דורך די פלאַסטן פון דורות מיט פלינקייט,
און בלייבט דאָרט פאַרהאַמערט אין אייביקן דויער פון שטיין.
דו, דער באַשעפער פון אייביקן לייטער אין קלעטער,
און גליט אויף די בריאה אין ווונדער פון אייביקן גאַף,
באַרג מיט אַ באַרג נעמט אַרום זיך און קראַכט אין צעשמעטער,
און ווערן צעליכטיקט אין שיין פון נייעס באַשאַף.
דו, דער באַצווינגער פון ווילדן כאַאָס אין פאַרדאַרבונג,
און אַלץ וואָס גייט אויף עס ווערט דורך דיין אָטעם געבענטשט,
דער טרויער אין דויער פאַר אַלץ וואָס גייט שטאַרבן,

די פרייד פון געבאָרן דיין ליכט-שטראַל דעם ריינסטן —
דעם מענטש,
דעם קוואַל פון דיין האַרץ פאַר אים האָסט צעעפנט,
טרינקען פון אים זאָל דער מענטש, פון דיין ליכט און
דיין מוט,
און ער זאָל זיך טובלען אין דיר, אין דיין חסד באַרעכנט,
נישט ווערן פאַרצערט אין דעם גלי פון דיין גלוט. — — —
רייטער אויף וואָלקנס, פייער פון אָנהייב פון דורות,
שענק מיר אַ פונק פון דיין גלי און צינד-אָן מיין געמיט,
דאָס האַרץ פון דיין זינגער באַפריי פון די מענטשלעכע
מוראס,
ביים אויפזינגען און ביים באַזינגען פון גרויזאַמער גבורה
אַ ליד.
עפן מיין האַרץ ווי אַ לאָגל, פיל אָן עס מיט קראַפט
אומגעהויער,
צעליכטיק מייַנע שוואַרצאַפּלען די גבורה די גרויסע דערזען,
רייס אויף פאַרן דונער-געקראַך דעם פּויק פון מיין אויער,
צום זען און דערהערן וואָס דאָ איז געווען און געשען.

✶

אַרום פּיראַמידן
געטורעמט אין שפּיזן
שרעק פון באַרג עיבל,
דראָ פון באַרג גריזים.

בלאַנקען די בערג
מיט שטאָלערנע ציינער;
אַלע ביז איינעם,
אַלע ביז איינעם...

דער ירדן פליסט גיפט
פון פעסער געפלאַצטע,
ס'פרייט זיך און גרייט זיך
שוואַרצע דינאַסטיע.

אויפן קאַרק פון באַרג מואב
גיפטיקט בלעם מיט בעלמע,
מיט געפאַנצערטן טויט
און גיפט אונטער העלמען.

אויף וואַסערן לויערן
שטאָלערנע פישן,
פאַרשלינגען אין תהום
פון לעבן פאַרווישן.

און שטאָלערנע שפאַרבערס
אין שדים-געווימל,
גרייטע צום שפרונג,
צו פאַרלעשן דעם הימל.

און אַלע ווי איינער,
און איינער ווי אַלע;
נישט בלייבן וועט איינער,
אין טאָג פון דעם פאַלן...

✶

אין יענעם טאָג האָט ער זיך אויפגעשטעלט
און זיך באַפרייט פון אַלע ווייטיקלעכע יאָכן,
און האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי די זיילן פון דער וועלט,
וואָס האָט זיין שטאָלץ אויף דורותלאַנג צעבראָכן.
און אַ פייער איז אַ דורך — זיין בליק,
איבער דער ערד, דעם קעסל-זיד דעם רונדן,
און האָט זיך אָנגעטרונקען פונעם פיין-בעכער פון קריג,
און האָט באַשוואָרן זיינע ווייטיקלעכע וווּנדן;
אין אייער גרויזאַמקייט שטעלט זיך פאַר דעם האַר,
אין אייער ווונדיקייט און פיין געקאָוועט,
טוט דעם וואָלקן-צאַם מיט כוח אַ צעשפאַר,
און שטורעמט אויף דעם דויער אויף זיין כסא הכבוד.
און אַזוי זאָלט איר איצט זאָגן, אים אַליין,
עס ראַנגלט זיך דאָס ליכט, אויף משקולת גייט נשמה,
שטעל אָפּ דאָס טריפן אינעם בעכער דורותדיק געוויין,
און בינד מיך אויף פון שטיין ביי די טויערן פון רומי,
ווייל אָט גייט אויף דער פלאַם וואָס האָט פאַרברענט די צווייג,
און לאָזט זיך איצט פאַרצערן אויך די שטאַמען,
שדים-וואַקכאַנאַליע אַ לאָז טאָן זיך פון שטייג,
וועל איך, און דו, שטאַם, נידערן אין תהום צוזאַמען...
באַפריי מיך פון די קייטן און לאָז מיך גיין צום אָרט,
ווו יונגע הערצער וואַרטן אויף מיין בענטשן,
און איך וועל ברענגען זיי דיין צוגעזאָגטן וואָרט,

וואָס איך האָב נישט דערבראַכטביים אויוון פון
אָשווייענטשים...
פלאטער אויף דעם הימל זיי מיט האָפנונג און בלוי,
און זאָלן זיי אַ שפּאַר טאָן מיט גבורה-שאַל מיט נייעם,
אַ טראָג טאָן זאָל דאָס ליד זיך, מגוי אל גוי,
דאָס וואונדערליד און שטורעם-ליד פון יציאת מצרים...

★

און אַזוי איז געווען אין דער נאַכט פון די נעכט,
ווען אַכצן יאָר לעבן איז געגאַנגען זיך זעגענען,
און נאָכדעם מיט שטן אַוועק אין געפּעכט,
דעם שונא פאַרטאָג, פיר-ווינטיק באַגעגענען.

די מאַמע פאַרשטיינערט באַגלייט האָט דעם זון,
און ער האָט געענטפערט מיט בלייערנעם שווייגן,
געשוויגן האָט אויך אין הימל די זון,
געשוויגן האָט אויך דער ווינט אין די צווייגן.

גערעדט האָט נאָר דעמלט דער כסא אַליין,
און האָט זיך געחזרט די שבועה פון אַרבן,
געמויערט מיט האַנט אין גראַניטענעם שטיין ;
ווען צו לעבן און ווען צו שטאַרבן.

און מאַמעס געבענטשטע מיט טויבן געהער,
נישט געהערט האָבן רייד אַרויס פון דער גבורה,
אַז ער, אָט דער ליכטיקער זון, דווקא ער,
אַריין וועט אין תהום פון דער פינצטערער שורה.

און ס'האָבן די הערצער פֿאַרשטיינט זיך אין שטיין,
און ס'האָבן די הערצער פֿאַרשטיינט זייער קלאַפּן,
זיין קוואַל האָט פֿאַרשלאָסן אַפּילו געוויין,
און רו האָט געגליווערט אין מאַמעס שוואַרצאַפּל.

און איידער די נאַכט האָט דערטרונקען איר כוס,
און איידער אין מזרח איז ליכטיק געוואָרן,
א שניט האָט געגעבן מיט פייער דער אות,
אַ שניט מיטן צייכן פון בונד בין הבתרים...

ווען דער ים האט געלאכט

שטערן-שיין אין טיפן שווייגן,
אין שאָטן-קלייד עס וואכט די נאכט,
שלאָפט דער ווינט אין גרינע צווייגן,
נאָר דער ים, ער לאכט און לאַכט.

וואָס זשע לאַכט דער ים, וואָס לאכט ער,
אין א נאכט פון שטערן-שיין?
ווען הינטער לאָדנס צוגעמאכטע
פלאַטערט אויף א הארץ אין פיין?

עפן מיידל דיינע אויגן,
ס'קומט פארטאָג ביים סוף פון נאכט,
ווי אן אָדלער אָנגעפלויגן,
גייט דיין ליבער אין א שלאכט.

ווען שטערן ליכטער ווערן,
אים באליכטיקן די נאַכט.
מיידל, גלויב אין ליכט פון שטערן,
הער, דער ים ער לאכט און לאַכט.

עפנט מיידל אויף דעם פענצטער
און איר האַרץ איז פלאַטער-פלי,
פערל פייערדיקע, שענסטע,
טוען אין איר אויג אַ גלי.

שומר פון דער נאכט אין שווייגן,
וואָס זשע ברענגט מיט זיך די נאכט?
הער דעם רויש פוןביימער-צווייגן,
וועלכער ווינט האָט אים געבראכט?

רינען פערל פון די אויגן,
קלינגט אין הארץ א שטורעם-גלאָק,
נאָר אָדלערס זענען שוין געפלויגן,
און געבראכט מיט זיך דעם טאָג.

און די פערל גליען ווייטער,
דאָס מיידל-האַרץ גייט אויף אין פיין,
ביז דער ים, אין זיין פארשייטקייט,
ברענגט די בשורה פון דער שיין.

ווערן ליכטיק הייסע טרערן,
פערל-פינקל פול מיט ליכט,
לעשט זיך אויס דער לעצטער שטערן,
לויכט דער טאָג אויף אומגעריכט.

נאָר דאָס מיידל שטייטביים פענצטער,
ביי דעם סוף פון יענער נאַכט,
אין איר פערל-גלי אין שענסטן — — —
און דער ים, ער לאַכט און לאַכט...

תקון שבועות תשכ"ח

פאר די אויפגעגאנגענע

א.

אלע אותיות זענען פון בארג סיני,
קאַנטיקע און אויסגעהאקט פון שטיין.
לאָז מיך אין דעם שטיינשארף די טרייסט פאר זיי געפינען,
ווען דאָס גאָלד פון זיי איז אָפּגערונען,
און פון נאָמענדיקע אותיות געבליבן נאָר געוויין.

באַלד וועט זיך דער הימל שפאלטן, באלד,
אויף שרפים-פליגל וועט אויפלויכטן די תורה,
פון נקרת הצור, פון יסורימדיקן שפאַלט,
לאָמיר הערן נאָכאמאָל דעם וויי-געוואלד,
פון נאָמענדיקע אותיות פארברענטע אין דער גזירה.

אלע אותיות זענען פון בארג סיני,
אותיות שטעלן נעמען אויס: חיים, דב און משה,
לאָמיר ווידער הערן טרערן אותיותדיקע רינען,
און אין הימל אָפּענעם שטערן-לעבנס אָפּגעפינען,
נאָמענדיקע אותיות, סיני-דיקע, הייסע.

ב.

צו מיר וועלן קומען, ביים אָפריכטן תקון,
די אלע געבליבענע, עלנטע שטראלן.
און ווארטן אויף נס ביז פארטאָג צו ותיקין,
פון זייערע קרוינען, אין אָפּגרונט געפאלן.

גאָט פון באַרג סיני! ווי קאָנסטו מיך שטראָפן,
מיט מיידלשע אויגן געגליוועט אין צערן?
דער הימל אין חצות איז צעשפּאָלטן און אָפן,
און מיידלשע אויגן ארויף צו דיר שטאַרן.

צו מיר ציען הענט זיך אין בלויע תחנונים:
ווײַן־אויס פון דער תורה די אותיות די ריינע,
אין פייער פון אות דו וועסט אים געפינען,
ווייל ער איז געווען נאָר איינער, נאָר איינער.

דערנאָך זע איך גאָרנישט, איך הער נאָר א שירה,
א שירה — אחד, נאָר איינער, נאָר איינער,
און עלנטע שטראלן פארנעמען די לירע:
דיין איינער איז שטראל און פון ליכט איז ער ריינער...

תפילות צום נײעם מחזור

א.

זאַמל אײן מײנע פּערל און לאָגל זײ אײן,
קעלטער זײ אײן װי װײנען.
ביז רואיק װעט װערן פון שטערן די שײן,
און פּערל צוריק װעלן טרערן שױן זײן,
און איך װעל שױן מעגן װײנען.

שפּרײט אױס דעם סאַמעט פון טונקעלן בלאָ,
פאַר מײנע געפאַלענע שטערן.
ביז קומען עס װעט די אָפענע שעה,
און איך װעל אין גאַר פונעם װאָרט והיה,
מעגן פאַרגײן זיך אין טרערן.

פאַר אנשי השרון מיט שאָפענעם בליק,
װאָס טראָגן אין האַרצן די קברים,
זאַמל אײן און פאַרזיגל זײער פינצטער גליק,
פון צעשפּליטערטע שטערן אױף קיזל פון קריג,
אױף פליגל־צעבראָכענעם אָרעם.

זאַמל אײן זײער בלוט און פאַרחתמע אין שטײן,
פאַר דער צײט פון פאַרשטשעמעטע צײנער.
ביז מענטשלעך צוריק עס װעט װערן געװײן,
אין שטערן־טאָל כ׳װעל אַ פאַרלאָשענער שטײן,
און הױך, אױפן קול, זיך צעװײנען.

ב.

עס הויערט דיין נאָמען אויף מויער פון שטאָט,
אין שטיין און געביין אַ פאַרקריצטער.
און פוקסן וואָס בענקען נאָך שאַנד אירס און שפּאָט,
וואָיען מיט שגעון צעהיצטן.

שטערן צעפינקלען און טוען אַ פאַל,
די מויער זאָל אויפגיין אין שיינען.
עפן פון רחמים פאַר זיי אויף דיין קוואַל,
ציר-איין זיי אין נאָמען אין דיינעם.

אין שטערן-געפאַל עס גליט אויף דיין שטאָט,
אין קרבן פון ריח נחוח.
אויף גאָלד פון דיין שטאָט שטעל דיין גנאָדיקן טראָט,
קיל אָפּ דעם גלי פון מזבח.

נעם צו פון מיין האַנט דעם בעכער מיט בלוט,
שטעל אָפּ דעם פאַל פון די שטערן.
צויבער מיט חסד אַרויס פון דיין רוט,
דעם קוואַל פון געלייטערטע טרערן.

עפן דעם קוואַל פון דעם שטיינערנעם באַרג,
צו קילן פאַרשרפטע שטערן.
און איך זאָל נישט מוזן אייביק זיין שטאַרק,
און קאָנען פאַרגיין זיך אין טרערן...

צו דער מאמען

דער מאמען דערציי̈ל איך דעם גילדערנעם חלום:
געזען כ'האב דעם בארג פון לויטער קרישטאָלן,
אויף אים ווערן שטראלן אין קוואלן צערונען,
און זינגען א שירה פאר בלומען וואָס קומען.
און ווען בלום גייט אריבער די שוועל פון דער נאכט,
ווערט עס אויף שירה צום חלום געבראכט,
און ווערט דאָרט פארקוואליקט אין אייביקן בליען,
צעלויכטן פון אלע ערדישע מיען,
די נאכט איז נישטאָ מער, נאר ס'גאָלדיקט די זון,
צום אייביקן טאָג אוועק איז דיין זון.

דאָרט היילן די קוואלן די קויל-וווּנד אין הארץ,
דאָס בלוט איז דאָרט רויט, ווערט קיינמאָל נישט שווארץ,
און אויגן פארמאכטע ווערן אָפן אויף אייביק,
און בליקן אין שרעק צוריק ווערן גלויביק,
געזאנג מיט געזאנג וועבן דורך זיך ווי שטראלן,
פון געפאלענע בלומען און בלומען וואָס פאלן,
אייביק דאָס לעבן און ליכט גייט דאָרט אן,
אויף מענטשלעכן לשון עס הייסט — פאנטעאָן.

הייבט אויף די מאמע איר קאָפּ פון אבילות,
און טרינקט מיט די אויגן די זילבערנע קולות,
פון קוואליקן חלום אין אייביקער זון,
און דערהערט דאָרט דאָס קול פון איר געפאלענער בלום.

פארגעסט זי דעם חושך פון עלנטע גריבער,
די פינצטערע שוועל ווו איר זון איז אריבער,
און זינגט אויס מיט זילבער-געוויין; ער איז דאָ,
הללויה.
הללויה.

לאָז איך דעם זילבער אויף מאמישע וויע,
קער אָפּ אין א ווינקל און רייס דאָרט מיין קריעה,
אויף חלום געדאכטן, דעם אויסגעטראכטן,
אויף אויגן פון בלומען אויף אייביק פארמאכטע,
אויף קרישטאָלענעם בארג אין ערגעץ געשטיגן,
אויף נאכטיקן אמת און גילדערנעם ליגן,
און ווען מאמע פאר חלום בלויען בלייבט שטיין,
גייט אָפּ מיין געביין אין וועג פון געוויין.

ירושלים, מאי 1970

אין געדענקשאפט

די באלאדע פון א נשרף

פארברענט דאָס הויז, דאָס הויזגעזינד,
דעם רויך צעיאָגט דער ווינט.

הענג איך אויף א שטעקן אויף די טאָרבע,
שקראבעס צווי, א פידעלע מיט צוויי סטרונעס דינע,
און מיט אָפּגעברענטן באָרוועס
לאָז איך זיך איבער מדינה.

קום איך אין א הויף אריין,
און וויל שוין נעמען שפּילן „יידן בני רחמנים״,
טוט אין פּנים מיר א פּלייץ א שיין,
א געלעכטער קומט מיר אָן אין פּנים:

פּעטערל! זינג אויף א פריילעך ליד,
פידל־צו אויף פידעלע מיט סטרונעס דינע,
איבער מדינה לאָזט זיך א נשרף גיין, א ייד,
און דאָ האָסטו אין הויף ביי דיין טאָרבע די מדינה.

שעם איך זיך אַביסל פאַר די לאטעס אין מיין טאָרבע,
פאַרן אויסגעקרומטן שטעקן און אָפּגעברענטן באָרוועס,
נעם סטראָיען די צוויי סטרונעלעך די דינע,
און זינג ארויף צום פענצטער פון דער פריילעכער מדינה.

עפנט אויף די זון איר פענצטער און וואַרפט אַ גראָשן
פאַר מיין ליד,
ברענט דער גראָשן ביי די פיס, פלאַצן סטרונעלעך די דינע,
— איר וואָלט געמעגט, ר׳ ייד, וויינען אויף עברית,
און נישט באָרוועסן מיט נשרף-שטעקן איבער דער מדינה.

דער גראָשן לעשט זיך אויס, די זון פאַרגייט,
איר פאַרגיין צינדט אָן מיין נשרף-קלייד,
לייג איך אָפּ מיין פידעלע אויף אַ שטיין,
און בלייב מיט באָרוועס עלנטן אין אָוונט-שפּיגל שטיין.
דערנאָך זינג איך פאַר זיך אליין דאָס אומעטיקע ליד,
פון אָפּגעברענטן באָרוועס און מדינה-גייער-ייד,
פאַרברענט דאָס הויז, דאָס הויזגעזינד,
דעם רויך צעיאָגט דער ווינט...

מיר פאַר דיינע אויגן

מיר פאַר דיינע אויגן שלמה׳לע מיין קינד,
צעפינטלטע אין חכמה פון די ביכער,
געגאַנגען צו דער וועלט צעכראַסטעט אינעם ווינט,
די וועלט, זי האָט דיר צוגעשמייכלט : ניחא.

האָסט אויסגעקעמט דיין קאָפּ אין שטורעם פון דער צייט,
אַ געלאָקנטער איר ווילגעפעלן.
זי איז געוועזן נאַנט און איז געוועזן ווייט,
נאָר דו ביסט איר געוואָרן אין טריישאַפט אַ געזעלן.

אַ שומר האסטו זיך געשטעלט ביי איר פֿאַרמאַכטער טיר,
אירע אוצרות שיינקייטן צו היטן,
מיט פינגער שטראליקע געבענטשט האָסט איר באַריר,
וואָס שפילט אויף סטרונעדיק אויף יונגן בוים די צוויטן.

מיר פֿאַר דיינע אויגן, שלמה׳לע מיין קינד,
פֿאַרקוקטע מיט פֿאַרטרוי דער וועלט אין פנים,
דיין גלויבן האָט צעאַשט דער אָשוויענטשימער ווינט,
און אויפגעפרעסן האָבן אים ווי וועלף די שונאים.

ס׳האָט דיין געליבטע וועלט געזען דיך אין דיין פיין,
און קרום זי האָט זיך צוגעשמייכלט : ניחא,
אַ באַטרונקענע פון זנות און אַ באַנומענע פון ווײַן,
האָט זי דיך פֿאַרצערט אין פלאַם מיט דיינע ביכער.

אַ הפקר-פרוי מיט שאנדע אָפּגעדעקט,
האָט זי מיט בויך-טאַנץ פֿאַרהילכט פֿאַר זיך דיין ודוי,
און אויף איר געלעגער מיט אומריינקייט באַפלעקט,
געצערטלט איר מאָראַל — דעם ממזר בן-הנידה.

מיר פאר דיינע אויגן שלמה׳לע מיין קינד
וואָס קאָנען שוין נישט פינטלען אין ביכער און נישט וויינען,
אויף ערד ווו דאָס געזאַנג, איז בילעריי פון הינט,
און וועלט אויף טומאה-בעט — אַן אָפּגעלעבטע זונה.

עכן דער זון פון כרמי

א שטאַבע גאָלד און אַ מאַנטל פון וואָל,
האָט עכן גענומען מיט הענט זיינע פלינקע,
דאָס גאָלד האָט פאַרבליצט דעם געפאַלענעם פאָלק,
דער מאנטל פארדעקט האָט דעם פלאַם פון טרעבלינקע.

האָט זון זיך צעפייערט מיט גלי פון א שלאנג,
פארשטאָכן אין הארץ אירע גיפט-פיילן דינע,
געבראָכן דאָס פאָלק אין זיין מונטערן גאנג,
פארלאָשן געבענטשטע דערהויבענע שנאה.

און עכן צעשפּרייט דעם מאַנטל פון וואָל,
און וויל מיטן גאָלד די הערצער דערפרייען,
נאָר גאָלד האָט נאָך קיינמאָל פאר בלוט נישט באַצאָלט,
אין זיין בלוטיקן גלאַנץ אַלע פריידן פאַרגייען.

ליגט געשלאָגן פאָלק ביי דעם טויער פון עי,
יהושע דארף קומען, צו שלאַכט זיי איצט בענטשן,
נאָר צו גאָט פון נקמות קניט יהושע אויפסניי,
און טרינקט זיך מיט פיין אָן פון אויוון-אָשוויענטשים.

דערנאָך שטייט ער אויף — אַ פאַרוווּנדעטער לייב,
און ברומט אויף דאָס ליד פון געטלעכער מורא,
עכן, דיין גאָלד צו גאָט איצט פאַרהייב,
נידער צוזאמען מיט אים אינעם חרם.

בליט אויף א געזאנג ביי דעם טויער פון עי,
צערוישן זיך בוימער ווי מאַמעס ביים בענטשן,
און הערצער געריייניקט פון גיפט-גאָלד און פריי,
פארנעמען די ברכה פון אלע אָשוויענטשימס...

דאס ליד פון דעם אײביקן ייד

לאָמיר זינגען דאָס ליד פון דעם אײביקן ייד,
וואָס וואַנדערט איבער געמאַרקן
מיט שטעקן אין האנט אין מאַנדלען צעבליט
און אַ הינטל, וואָס האַווקעט בײַם פאַרקאַן.

לאָמיר זינגען דאָס ליד... ווייל דער שטעקן צעבליט
גייט אויף יעדן טאָג אין זיין בליען
און בלויט אין דער האַנט פון דעם אײביקן ייד
אַנטקעגן דעם הינטלשן בילן.

לאָמיר זינגען דאָס ליד... אויפן הימלס יאריד
דער געהיים פירט דעם גורל פאַרהאַנדלען.
און אויף הימל-יאריד שפאנט דער אײביקער ייד
מיט ניגון פון ראָזשינקעס-מאַנדלען.

לאָמיר זינגען דאָס ליד פון פאַרחלומטע טריט,
פון אַ טאָרבע אַ פולע מיט שטראַלן ;
דאָס ליד פון דעם ייד אין גלויבן-געמיט,
פון זיבן מאָל אויפשטיין און פאַלן.

לאָמיר זינגען דאָס ליד ביי קוואַלן געקניט,
בײַם דורות-קוואַל לויטערן, קילן ;
אין יעדן פרימאָרגן דער וואַנדערשטאָק בליט — — —
לאָז דאָס הינטל בײַם פאַרקאַן זיך בילן...

צו מיין מאמען

מאַכט זיך אַמאָל, עס זאָל זיך נישט מאַכן,
עס ברעכן פון לעבן און טויט זיך די צאַמען,
דער דונער פארשטאַרט ווערט אינטימן זיין קראַכן,
דאָס לעבן שטעלט אָפּ זיך אין ביימערשע שטאַמען,
און אַלץ וואָס עס אָטעמט פאַרשטשעמעט דעם אָטעם,
אין שרעק פארן גרויל און גאַר פון דערלייזונג,
עס הענגט דער בראשית איבער תהומען באַראָטן,
דער ווײ און די פרייד אין מזלות פון קרייזונג.
אין גליוער עס הענגען פון וועלט-אַל די קולות,
פון זכאי ביז חייב — אַ האָר ווי א ווירע,
דאָס לעצט ביסל ליכט צאנקט אויף משקולת,
מיט שדים-געלעכטער געמישט ווערט די שירה.
און אלץ וואָס איז העל ווערט פארטרונקען אין טונקל,
און אלץ וואָס איז טונקל אין העל ווערט פאַרזונקען,
און פאַרב מישט מיט פארב זיך ווי חושך מיט צונטער,
ווי פינצטער געטראנק פון דער נאכט ווערט געטרונקען —
דעמלט שטייט אויף דער זון נישט דערברענטער,
און שפאַנט איבער וועלטס צעוואָרפענע צאַמען,
עס יאָמערט זיין טראָט מיט קול נישט דערהערטן,
ער גייט איצט באַזוכן פאַרפייניקטער מאַמען.

און ווי דורך א כשוף די צייט ווערט אַנטרונען,
דער גראָ פון די האָר פאַרברענט ווערט אין שאָטן,
עס ווערן די יאָרן אין חלום פאַרשפונען,
די יוגנט גייט אויף — אַ וויין-פעלד געראָטן.
די פרייד פון דער יוגנט אָן קלענסטער פגימה,
קוואַלט פונעם אויג אין טרערן-טוי הייסן,
אויף מאַמעס פארשרפעטע גלידער זיי רינען,
און רופן אַרויס זי פון טאָל פון די מתים.

נעמט די מאַמע צונויף די אשיקע גלידער,
און אָרעמט איר זון אין ליכטיקן טרויער,
שטום זינגט זי אויס אים די קאלך-אויוון-לידער
פארווישט אים פון שטערן דעם וואָלקן פון גרוילן.
ווערט ליכטיק דעם זון די הימלען און ערדן,
זיין הארץ הייבט אָן זינגען מיט מזלות באזאמען,
מלאכים צעשניידן דעם חושך מיט שווערדן,
דער זון קומט דערציילן זיין לעבן דער מאַמען.

כ׳בין, מאמע, נאָך אַלץ אין ליכט-בלוי געפאַנגען,
פאַרכשופט אין גלי פון קלאנגען און פארבן,
מיט וויי און מיט ליד איך דערשטיק די פאַרלאַנגען,
און ליכטיק אַרויס צו מינוט פון מיין שטאַרבן.
נאָר זע, ס׳האָט געטראָפן מיט מיר דאָ א טרעפונג,
ס׳האָט באַרג פון זיין הויכקייט, אין אייביקן הויער,
געטאָן זיך מיט ליד און מיט ליכט אַ צעעפן,
מיט זונשטראל אין אויג און מיט שירה אין אויער.
שטיין כ׳בין געבליבן אין גליווער פון גאַפונג,
און האָב נישט געקאָנט צו דער הויכקייט דערגרייכן,
א שאָטן אין שווערקייט פון ערדישער שקלאפונג,
ווי קאָן ער דערגרייכן צום בארג-שפיץ צום הויכן?
האָב איך געזעצט זיך צופוסנס דער זעאונג,
געזונגען דאָס ליד פון שטערן און טרערן,
דו ביסט דאָך געשטאַנען ביים וויג פון מיין ווערונג,
דו, מאַמע, וועסט זיכער מיין קומען דערהערן.

און אלץ איז נאָך, מאמע, ווי פריער געבליבן,
שטערן-שיין לויכט און זונען פאַרגייען,

כאָטש ס׳האָבן אָפּגעברויזט ים-שטורעמס זיבן,
פאַרלאָשן געוואָרן דער זילבער פון שנייען.
און נאָר ווי אַ זכר פון שניי אויף דער לאַנדשאַפט,
בליט אויף מיין קאָפּ דער גראָ פון די יאָרן,
דאָס ליכט ווי אַ מעסער מיט בליציקן ראַנד-שאַרף,
שניידט זיך אין האַרץ ווי אַ קאָסע אין קאָרן.
נאָר ס׳קען דער פאַרלאַנג נישט שטאַרבן אָן ווידוי,
און אויסגייען אין רוים פון בלויזע פאַרלאַנגען,
אויך די זון שטאַרבט דאָך אָפּ ווען זי ווערט שוין אַ מידע
פון זון-קרייז וואָס זי איז אין טאָג דורכגעגאַנגען.
און איך שטיי נאָך אַלץ אין פאַרטאָג ביי די טויען,
און שניַרל צונויף זיי — א שנירל מיט לידער,
און לייען דעם סוד אין די אויגן פון פרויען,
און מיין אז דער טרוים וועט זיך אומקערן ווידער...

ניין, מאמע, די שיינע בת-מלכה אין שלייער
זי איז נישט געקומען, זי איז נישט געקומען.
זי ענגט נאָך אין חלום אין וואָלקן דעם גרויען,
און בליט אויף א קבר אין גיפטיקע בלומען.
ווען פלאם האָט געפלאַמט און זון האָט געיאָמערט,
האָב איך איר וועג אין שטורעם געמיטן,
דערנאָך האָט די נאכט געאָרעמט מיין אָרעם,
און האָט אין מיין הארץ איר חושך פארשניטן.
דיינע טרערן די ריינע ביים שבת-ליכט בענטשן,
דיין ״גאָט פון אברהם״ אין די בלויע הבדלות,
האָבן-געטרונקען פינצטערע מענטשן,
צעשייטערט די וועלט מיט פינצטערע קללות,

געגאַנגען בין איך אויף צעשטורעמטע וועגן,
א הירש א פאַריאָגטער מיט הערנער צעבראָכן,
געקומען איז מיר דער עלנט אנטקעגן,
און האָט מיר די אויגן מיט גרוי אויסגעשטאָכן.
געפירט האָט מיין וועג טרערן-קוואַל-בלינדער,
ביז כ״בין צום טונקעלן איינזאַם דערגאַנגען,
א קוואַל אויסגעטריקנטער שטיי איך אצינדער,
צעברענט אינעם דאָרשט פון טויטע פאַרלאַנגען.

ווו זאָל איך, מאַמע, דיך איצטער פאַרבעטן,
קילן דיין פלאַם ביי דיין זון אין די אָרעמס ?
ס׳איז פינצטער מיין שוועל וואָס וועסט איצטער באַטרעטן,
פאַרלאָשענעם שטראַל נאָגט אויס דאָ א וואָרעם.
פאַרשאָטנט זענען די ווענט פון מיין חדר,
צווישן זיי איך באַווייַן געשטאָרבענע גלידער,
אליין איך באַשווער און כ׳בין אליין מתיר נדר,
און גיפּטיק זיך אָן אין שגעון מיט לידער.
ווי קאָן איך צעשטערן די רו פון א מאַמען
וואָס איז ווי א תפילה צו גאָט אויפגעגאַנגען ?
אָט גייט ער, דיין זון, צו אונדזער ביידנס צוזאַמען,
ער ציט זיינע הענט צו דיין שטראַלונג דערלאַנגען.

פייער־פּאָעמע

ווען מ'האָט אים געפירט צום אויוון פאַרברענען,
האָט זיין מויל זיך צעעפנט צום לעצטער-געזאַנג,
זעט ער אנטקעגן א מלאך גענענען,
מיט שווערד אין דער האַנט און פייער אין גאַנג.

וויל ער אים זאָגן: דו קומסט פון אברהמען,
און האָסט אים דעם באַראַן געבראַכט צו דער צייט,
דערזעלבער איך בין, דערזעלבער מיין נאָמען,
פאַרוואָס איז דער וועג צו מיר אַזוי ווייט?

וויל ער אים זאָגן... נאָר גלי פון דעם מלאך
פאַרברענט אים דאָס וואָרט אין פאַרטריקנטער קעל,
און ס'ווייזט אים דער מלאך דעם גאנצן מהלך,
פון קינ'ס פארברעך ביז צום גאַז-קאַמער-שוועל.

זינגט אים דער מלאך זיין גרויזאַמע שירה:
דו ביסט עס דער לאַם פאַרן קרבן געבענטשט,
איך וועל דיר דערהויבן מיט ליד פון מיין לירע,
פאַרמאַך דיינע אויגן פאַר געשפענסט פון דעם מענטש.

דערנאָך האָט די זון דעם מלאך פארטרונקען,
און האָט זיך געוואָרפן אין תהום פון דער נאַכט,
און ער איז אין ליד און אין פייער געזונקען,
מיט אויגן — פאַר מענטשלעך געשפענסט צוגעמאַכט...

אין געדענקשאפט פון מיין שיר־השירים

און שיין ביסטו מיין שוועסטער-כלה...
שטערן-גרין אין דיינע אויגן, גינגאָלד-זון אויף דיינע האָר,
די ביאַליסטאָקער בריק פאַרדעקט דעם שוואַרצן פלוס
פון ביאַלע,
און איך טראָג שיר-השירים-חלום אויפן רוקן פון דער וואָר.
ווער ביסטו? — פרעג איך דיך אין הייסער שטוינונג,
די אינדין פון די בשן-בערג צי לויטערקייט פון פוילנס קוואַל?
און פרעגנדיק איך טרינק פון דיינע הענט געטלעכע
באַלוינונג,
און ווער געפאַנגען ווי אַ הירש אין ליכט פון גאָלד-געשטראַל,
שיין ביסטו, מיין שוועסטער-כלה,
פון גלעד-באַרג ביסטו געקומען דורכן ביאַלאָוויעזשער וואַלד,
דיינע טריט האָבן געצונדן די בריק אויף ביאַליסטאָקער
ביאַלע,
און קאָרן-זאַנגען האָבן אויסגעזונגען דיין געשטאַלט.
ווער טראַכט דען ווער אין בלויער, שיר-השירימדיקער צייט,
פון טויטן ווינטער-בלענד און שוואַרצן פלי פון קראָ?
אויסגעזויגן אַלע ליבשאַפטן פון יעדער וווייט,
האָסטו אויפגעבליט אין בלום פון ליבע-שעה,
נאָדל-ביימער האָבן דיר בלויקייטן געבראַכט,
פון הימלען לויטערע אין זוניקן געבלענד,
האָסטו אין ליבע-בלוי אַדורכגעוועבט די נאַכט,
און זי געבראַכט מיר ווי אַ זון אויף דיינע הענט,

שיין ביסטו, מיין שוועסטער-כלה,
האָט געזונגען שיר-השירים יעדע גראָז,
פון פרילינג טויכט בת-מלכה אויף, זיי איר וווּנטש ממלא,
באַקרוין איר נאָמען מיט אַ כתר פון יעדן שיר-השירים-אות.
טרינק זיך אָן מיט בלוי פון אירע אויגן,
באַזוניק זיך מיט בלאָנד פון אירע האָר,
ווייל אָט — אַ שאָטן פון דער נאַכט איז דורכגעפלויגן,
און דו בלייבסט מיט שטאַרע הענט אין סאַמע שאָטנדיקער
וואָר...

ברח דודי! אַנטלויף געליבטער פון דעם שאָטן,
האָסט נאָך אויסגעזונגען פון ברענענדיקן גראָז,
און די בערג האָבן אויסגעשפּאָט אויף אים אַלע שפּאָטן,
פון דעם הירש וואָס לויפט אין טויט-שרעק ווי אַ האָז,
און... שיין ביסטו געבליבן שוועסטער-כלה,
ווען פייער-בלענד האָט אַראָפּגעברענט פון דיין בלאָנדן קאָפּ
די ביאַליסטאָקער בריק האָט אַריינגעקראַכט אין ביאַלע,
און דיינע שיינקייטן זענען איר אין תהום אַראָפּ,
איצט שטייט דער הירש אויף בשן-באַרג געפּאַנגען,
פאַרשטעכט זיין קרוין אין הימל-בלויקייטן מיט טענה,
נאָר פון דעם הימל-לויטער איז אויגן-בלוי שוין לאַנג
פאַרגאַנגען,
דער גאָלד-געשפּין פון דיינע האָר, דער בלוי פון אויגן דיינע,
אין געדענקשאַפט-טיר פון מיין שיר השירים,
זינג איך אַלץ נאָך: שיין ביסטו מיין שוועסטער-כלה,
גייט אויף געזאַנג מיט גלעד-בשמים און מיט מירע,
און מיט פייערבראַנד פון ביאַליסטאָקער בריק אויף ביאַלע...

איך קום אָן פון חלום

איך קום אָן פון חלום, פון טיפן געדאכט,
איך קום אין דעם הי פון א ווייטן פארפאלן, — — —
א וואלד א געדיכטער אין סאמעט פון נאכט,
באשיינט און באקרוינט מיט זילבערנע שטראלן.
און טייכן מיט בלוי עס פליסן אין וואלד,
און גאָלד אויף דיביימער אין ליכטיקייט רונדער,
א קול פון א האָרן ביים פאסטעכל שאלט,
און הירשן באהאָרנט געפאנגען פון וואנדער.
גרויס איז דער וואלד ווי די זילבערנע נאכט,
נאָר ס'לאזט דאָרט דער חלום נישט ווערן פארפאלן,
פארוועבט אינעם בלוי פון חלום-געדאכט,
צעבליט איז דער וואלד מיט זילבערנע שטראלן.
און בארגיק דער וואלד איז, בוים איבער בוים,
ליכט אינעם ליכט און שטראלן אין שאָטן,
און יעטוועדער בוים אין א גאָלד-בלעטער-קרוין,
און געזאנג שימערט אויף ווו א טראָט נאָר באטראָטן.
אויף שטאמען פון בראָנז ברייט געצווייג אין דער הויך
ציט זיך צום ליכט אין לבנה-שיין-שנורן,
א וואָלקן א דינער, א בלוי-גרויער רויך,
פארצייכנט דעם וואלד אין זילבערנעם פורעם.

שטאמען פארוואָרצלט אין וואלדיקן זאפט,
געברוינט און געבריט האָבן צווייגן צום הימל,
אין מילכוועג פארקוקט אין זיין זילבער פארגאפט,
האט וואלד אין זיין חלום געוואלדיקט אין דרימל,
און אין מזרח ביים ראנד א צעזונגענער כאָר,
פוןביימער באקרוינטע אין ליכטיקער שירה,

געקאַרבטע אין דורות, א דור אויף א דור,
האָט צווייג צו א צווייג איבערגעבן די לירע.
און ווען ס'האָט א ווינט צעווינטיקט דעם וואלד,
האָט געזאנג זיך דערהויבן ביז איבער די צווייגן,
און בוים אין געזאנג האָט אין בלוי זיך צעשאלט,
און האָט זיך פארמאָסטן צום שטערן-ליכט שטייגן.
שטאם און געצווייג אין זילבער-געוועב,
א וואלד אין געזאנג אין חלום געדאכטן,
ביז אויף צווייגן אין בלי האָט א טונקעלע קרעפ
דעם דונער געבראכט אין א בראָך א צעקראכטן.

איך קום פון אַ חלום, פון אַ וויטן געדאַכט,
פון צווייגן-געבלעטער צו נאַקעטע שטאַמען,
צו פאַרלאָשענעם בלוי אין אַ וואַלדיקער נאַכט,
צו געזאַנג אַ צעשפּאָלטן אין טענער און גאַמען,
שטאַמען וואָס ברוינען מיט וואָרצל פון נס,
נאָר צווייג איז נישטאָ ער זאָל ציען יניקה,
קאַרבט זיך דער שטאַם אין זיין אייגן געפּרעס,
שטיקט זיין געשריי און קאָן נישט דערשטיקן.
איך קום פון אַ חלום — אַ בוים פונעם כאָר,
צעפּליקטער אין ווינט אינמיטן זיין שירה,
דער חלום פאַרברענט אין פייער פון דור,
אַ צעבראָכענע צווייג זיין צעבראָכענע לירע.
אין הי טאָגט דער טאָג דורך שטראַל און געבלי,
און איך קום מיט זילבער פון זילבערנער נאַכט,
מיט אויגן אין טרערן פון זוניקן הי,
איך קום פון אַ חלום, פון וויטן געדאַכט.

וואס אין פסוק שטייט

בראשית

דיין שיינקייט — מאַרסעל

דאָס וואָרט וועט נאָך קומען, דאָס וואָרט וועט נאָך קומען
דער אייגענער קלאַנג וואָס געזאָגט האָט: ויהי,
איך שטיי פאַר דעם סוד מיט צעשרפטן גומען,
און וויקל דעם אָנהייב פון ערב דער מי
ווען וואָרט איז געקומען, ווען וואָרט איז געקומען,
און אַלץ האָט געשאַפטן דאָס ליכט — ויהי
און שטומער שטיין האָט אויפגעהערט שטומען,
מיין שפעטער געוואָרן אַ גאַנג פון מיין פרי.
איך געדענק נאָך די שוועל מיט שרעקן אַריבער,
פון ליכטיקייט שטילער אין פינצטער פון סוד,
צעברויזט פון באַגער און שאַרפשניט פון ליבע,
געיאָגט פון דער שווערד און דיין קאַלטן געבאָט.
דאָס וואָרט וועט נאָך קומען, דאָס וואָרט וועט נאָך קומען,
געזאַנג פון דער ערשטער שעה פון מיין פרי,
צעגליט איז נאָך אַלץ אין גאַר-גלוסט מיין גומען,
איך גיי און איך הער דאָס געזאַנג — ויהי.

די ליכטיקע רגע איך היט זי, איך היט זי,
איך טראָג זי אַרום ווי אַ שטראַל אויף די הענט,
מיט פייער פון אור-טאָג לויכט זי און בריט זי,
זי ברענט מיינע טעג און זיי ווערן פאַרברענט.
נאָר ליכטיקע גייען זיי אויס אין די פלאַמען,
און פאַלן אַוועק אין שיין פון געזאַנג,
ווי קינדער וואָס שטאַרבן אין שויס פון דער מאַמען,
און ס׳טוט זיי נישט באַנג דער גאַנג צום פאַרגאַנג.
ווייל אין סאַמעט פון נאַכט עס גייט זיי אַנטקעגן,
דאָס ליכט פון דעם אָנהייבביים טויער פון נאַכט,

דאָס ליכט אַ צעשיינטע אין אָנהייב פון וועגן,
און האָט מיך צום ווייט און צום איצטער געבראַכט.
געטונקען איך האָב אין דעם ליכט מיינע יאָרן,
אין דעם כ׳האָב געליכטיקט געוויין און די מי,
איך האָב זי ביים שוועל פון די תהומען געבאָרן,
מיט איר כ׳בין געוואָרן אין געזאַנג — ויהי.

די ווייטקייט פון צייטן ווער מעסט זי, ווער מעסט זי.
אויפן קאַרק כ׳נעם די ווייטקייט און ברענג צו דער טיר,
געמאַכטן מהלך צעפרעסט זי, פאַרגעסט זי,
און שטעלט זיך מיט יונגן אָנהייב פאַר דיר.
דו קוקסט אויף דער ווייטקייט וואָס דריקט דיינע אַקסלען,
און טרייבסט מיך ווידער פון זונליכט אין נאַכט,
נאָר פרייד ווי אַ פאַנצער האָט מיין אומעט באַוואַקסן,
זי שימערט אַרויס פון נאַכט מיט איר פראַכט,
ווידער איך נעם די ליכטיקע רגע,
וואָס האָט מיך פאַרברענט דעם טרויער און שרעק,
און ווידער איך לאָז זיך אויף מענטשלעכע וועגן,
ווי דעמאָלט ווען כ׳בין פון דיין קללה אַוועק,
די ליבשאַפט גייט אויף אין אויגן ווי שטערן,
און כ׳צי צו די שטערן אַוועק אין דער ווייט,
בראשית פון ווערן, בראשית פון ווערן,
ליבע אויף שוועל פון אָנהייב פון צייט!
מיט איר כ׳בין אַוועק קעגן תהומיקן לויער,
אין סאַמע ערשטן גרויזאַמען פרי,
געטראָגן מיין טרויער צום אייביקן דויער,
באַגלייט מיט געזאַנג פון מיין האַרץ: ויהי.

ירושלים, 1969 אָקטאָבער,

די באלאדע פון יונה הנביא און דעם שיכור וואסיל

צווישן בלוי פון הימל און בלוי פון ים,
ליגט יונה הנביא אויפן דעק פון שיף
און טראַכט:
אַפּנים יעדער אַזאַ פּנים האָט,
ווען ער אַנטלויפט פון זיין פאָרכטיקן גאָט,
און בעט אויף זיך די נאַכט.

שאַרף ווי אַ חלף — אַרומיקער בלוי,
אַ פּחד צו זיין אינדערמיט.
ביים טיש זיצט וואַסיל קאַפּיטאַן, דער גוי,
מיט אויגן פאַרטרונקען אין שנאה און גרוי,
בליקלט אין ווינקל צום ייד.

ער האָט שוין פאַרשפּילט דאָס העמד פונעם לייב,
צום דאַרן מאַטראָס איוואַן,
איצט שטעלט ער אין קאָן דאָס לייב פון זיין ווייב,
אַ קאָרט נאָך אַ קאָרט, אויס לייב און אויס ווייב,
וואָס וועט דאָ זיין?

ער טוט אַ טופּ מיטן הילצערנעם פוס,
אַ זעץ מיטן מעסער אין טיש:
ווי איך בין אַ זון פון דער מאַמעלע רוס,
זע נאָר! כ'האָב גאָר ביז איצט נישט געוווסט,
ווי אַזוי האָב איך אים נישט דערווישט?

אָט ליגט ער אין ווינקל, יאַנאַס דער זשיד,
וואָס האָט נאָך דעם חוב נישט באַצאָלט.
די זילבערנע טאָלערס, די דרייסיק, ער היט,
צום יידישן גאָט דאָרטן קניט ער און קניט,
און שאַרט דאָרט הויפנס מיט גאָלד.

היי ברידערלעך, קומט, לאָמיר טאָן אים אַ הויב,
די ביינער אים טאָן אַ צערייב,
אַ שאָט וועט זיך טאָן פון טאָרבע זיין רויב,
מיט זילבערנע טאָלערס און גאָלדערנעם שטויב,
און אויסלייזן וועל איך מיין ווייב.

פלאַטערט יונה הנביא צווישן בלוי און בלוי,
אין הענט פונעם שכור וואַסיל.
דער ים ווערט טונקל און מוראדיק שטיל,
דער ווינט טוט אַ בלאָז מיט טויטלעכן קיל,
אויף וואַנצע פון שכורן גוי.

און צווישן בלוי פון הימל און בלוי פון ים,
פלאַטערט יונה הנביא און טראַכט:
אַפּנים יעדער אַזאַ פּנים האָט.
ווען ער אַנטלויפט פון זיין פאָרכטיקן גאָט,
און בעט אויף זיך די נאַכט...

מרים שמועסט מיט איר ברודער אהרון

אין מדבר געצעלט, אויפן שווערן שטיין,
פאַלן מרימס רייד מיט גלי און באַנג,
דער גרינער שטערן טריפט מיט פאַרגיין,
אין זאַמד עס גרינט די שלאַנג.

נו, וואס זאגסטו ברודער אהרון, וואָס ?
עס נעמט מיך נישט קיין רו,
א ווייב האט זיך משה גענומען, א פאַרדראָס,
און נאָך א שוואַרצע מאַדזשגאַר דערצו !

און איך, מיטן פויק א גאַנצן טאָג,
מוז אויסטאנצן זיין לויב,
אָט קומט דער גרויסער טאָג פון גאָטס זאָג,
און פון מיר וועט בלייבן אַ שטויב.

וואס שווייגסטו, ברודער אהרון איצט,
ווי דיין באָרד וואָלט טיף געטראַכט ?
עס שנייד אין מיין אויג דער שאַרפער בליץ,
און עס דעקט אים צו די נאכט.

באַלד וועט מען קומען צום צעגרינטן לאַנד,
מיט קילן הימל אין בלאָ,
און איך מיטן פויק אין פאַרדאַרטער האַנט,
א מדבר-גרויע קראָ...

גלעט אהרון דער שוועסטערס צעצאָרנטן קאָפּ,
די לבנה ווערט רויט און האַלב,
א כושית ? — זינגט ער אויס מיט א טראָפּ,
וועלן מיר אים געבן אַ קאַלב.

און מרים צינדט אירע אויגן אָן,
מיט הייסן גלי און באַנג,
דער מאָרגנשטערן גרין שיינט אָן,
אין זאַמד עס גרינט די שלאַנג.

די באלאדע פון לוטס ווייב

הויך איבערן פליין הענגט גאָטס האַנט,
בלאָ-געגלי אין רויט,
און לוט ביי דער וואַנט מיט פּחדים אָנגעשפּאַנט,
אַנטלויפט פון טאָל פון טויט.

ער לויפט איבערן פליין, גאָטס האַנט איבער אים,
פייערשריפט אין לייב,
און אין זיין פלאַטערקלייד ציטערט אויף אַ שטים —
עס רעדט צו אים זיין ווייב:

לוט דו נאַר, ווו לויפסטו, ווו?
וואָלף אין פרייען פעלד,
ווי קומסטו צו אברהמען, דו?
צו זיין פאַרמעט-הויט פאַרגעלט.

אָט קוק אויף סדום, בלוט אין ברויז,
אויפגעשוימטער וויין,
אין מיין לייב ווי אין אַ הויז,
ביסט דאָרט אין מיר אַריין.

זינד-געזאַנג אין לוסט-פאַרגאַנג,
בלוט-געטראַנק אין גאַר,
און דו לויפסט פרום זיין ווי אַ זאַנג,
דו זינדיק-שטאַרקער נאַר.

קוקט לוט מיט פחד אויף גאָטס דראָענדיקער האַנט,
וואָס פלאַקערט אויף אין רויט,
פון ווייטן בלויט אין רו און מילדקייטן אַ לאַנד
און הינטער אים שוועבלט אויף דער טויט.

זיין קלייד ווערט פריי און פלאַטערט איצט אין לופט,
ער לויפט מיט זיסער פרומקייט אינעם לייב,
פון ווייטן שטייט אברהם און רופט צו זיך, און רופט,
און מיטן בליק צו סדום גליט איצט אויף זיין ווייב.

מיט ברוסטן אָפענע זי טרינקט דעם שוועבל-שטראָם,
און הייסער ווין-געפלייץ פאַרטרינקט זי ביזן האַלדז,
אירע אויגן שטראַלן טרערן-ביטערזאַלץ אויף סדום,
און זי ווערט פאַרשטיינערט אין איר זאַלץ...

די באלאדע וועגן שמואל הנביא

שטייט שמואל דער נביא אויף מצפה דעם בארג,
א שניי-ווייסער לאָם אין זיין האַנט,
די זילבערנע לאָקן — אַ לאַם אויף זיין קארק,
ברענען אין שקיעה-געבראנד.

ער שטייט און ערווארט די זון זאָל פארגיין,
זאָל קומען די נאכט שוין צוגיין.
ער שמייכלט צום לאם מיט ליבשאפט און חן,
פארשטשעמעט זיין כעס אין די ציין:

ס'מעג ווארטן דער קעניג, דאָס פאָלק דאָרט מיט אים,
צום קרבן ביים הייליקן שטיין,
ביז די נאכט וועט נישט שפינען איר דעמער-געשפין,
ער וועט צו דעם מלך נישט גיין.

דערנאָך ברענגט דער לויפער פארשפעטיקטע נייעס:
דער נביא צום קרבן קומט אָן!
נאָר ס'שוימט שוין מיט צאָרן צום קעניג דער גרייז:
אַזוי טוט א שר בטחון?!

עס ציטערט דער ווייסער לאם אין זיין האנט,
און גייט אָפּ אין בלוט אויפן שטיין,
דער נצחון פון נביא גייט אויף אין בראנד — — —
ער שמייכלט צום קרבן מיט חן.

דערנאָך בלייבט דער קעניג איינזאַם אַליין.
און טרינקט פון דעם בעכער מיט פיין,
דעם נביאס נקמה פלאַמט דורך די ציין:
דו וועסט שוין קיין קעניג נישט זיין!...

די באַלאַדע וועגן געטלעכן משל

...וילך ויקח את גומר בת דבליים". (הושע.)

אין שטעטל דבליים זיצט גומר די מויד,
און שמייכלט אין שפּיגל אַריין.
זי גלעט מיט די פינגער פון פּנים די הויט,
ביים פענצטער באַגאָסן מיט שיין.

באַלד וועט דאָ קומען דער וואָגן נאָך איר,
איר פירן צום נביא אַהיים,
אָנטאָן די ציר, צי אויסטאָן די ציר?
ווער קאָן אַ נביא פאַרשטיין?

זי באָדט זיך אין טייך פון ריינעם קרישטאָל —
ווי קום איך, ווײ מיר און ווינד,
ס'איז הייליק זיין האָריקער מאַנטל פון וואָל,
און איך בין א מילגרוים מיט זינד.

ביינאַכט גליט דער נביא מיט געטלעכן גלי:
מויד, געדענק, נאָר א משל ביסטו!
עס ברענען ביי איר די געבויגענע קני,
דער נביא טרינקט אָן זיך מיט רו.

זי וויקלט איר שרעק אין טיכער פון ווינט,
און טובלט איר פרייד אין געוויין.
א משל זאָגט ער, און — אָט שוין אַ קינד!
ווער קאָן דען אַ נביא פאַרשטיין?

די טעג מיט נביאישן צאָרן אין גלי:
מויד געדענק, נאָר א משל ביסטו!
נאָר ס'ברענען די נעכט אויף געבויגענע קני,
דער נביא טרינקט אָן זיך מיט רו...

צו דער צייט

ובתוך עם טמא שפתיים אנוכי יושב. . . ״ (ישעיהו ו׳)

דעם, וואָס האָט מיין האַרץ מיט אומרו אויפגעאַקערט,
און האָט זיין שטורעם־גלי פאַרזייט אין אים,
מיין בליק, פאַר זיין חזיון, אין פייערבליץ צעפלאַקערט,
זיין אמת, ווי אַ שווערד, פאַרשטאָכן אין מיין שטים,
דעם, וואָס האָט געבענטשט מיך מיט שטראָף פון אלע שטראָפן,
צו ברענען וואך אין חושך פון די נעכט,
מיט האַרץ־געשריי פאַרטרייבן געפאַר פון פראָסטיק שלאָפן,
און צאָלן מיט מיין בלוט פאַר זינד פון זיין גערעכט.
דעם, וואָס האָט מיך אויפגעהויבן איבער טאָל פון ביינער,
און אויפגעפלאַטערט אין געזאַנג מיין לייוונטענעם העמד,
ביז כ׳האָב מיין שרעק — א חלף־שאַרף פאַרשטשעמעט אין די ציינער,
און אָנגעפלויגן ווי אַ שטורעם־פויגל פון דער בלויער פרעמד,
פאַר אים איך ברענג מיין גוף, א בינטל הויט און ביינער,
צוויי אויגן אויסגעלאָשענע אין זומפּ פון צער,
אָט זע: איך האָב מיין קאָפּ נאָך נישט צעשמעטערט אָן די שטיינער,
געגרייזט האָסטו מיט מיר, באַפעלגעבער און האר!

איך האָב מיין קלייד, לבוש פון ווייסע אבות,
פאַרביטן אויף א לייכטן, זיידן העמד,
און צווישן קרעמערלעך, מיט אומעט־בליק ווי סאָוועס,
שטרעק איך, פונקט ווי זיי, גיריק אויס די הענט,
נאָך א רעגן־טראָפּן ס׳חיות צו דערהאַלטן,
און נאָכדעם צומאַכן די אויגן גענעצדיק און פויל,
פון נאַכט־געקריי עס קרימען זיך ביי זיי די ליפּן אלטע,

פון זעלבן נאַכט-געקריי טמא ווערט מיין מויל.
און ווי איז מיר! איך האָב דאָך די געדאַכטקייט
געטראָגן אין מיין הארץ — אַ פולן בעכער ווין,
געהיטן אים פון אומרייניקייט מיט ליפּן שטרענג פארמאכטע
און צו די שטערן אים דערהויבן אין לייטערניש פון פּיין.
איצט זיץ איך צווישן זיי, א ראָב צווישן ראָבן,
געניס פון דעם, וואָס יעדערער פון זיי געניסט,
אריינגעגראָבן אינעם ווילדפלייש זייער שנאָבל,
און געריייניקט אים אין אָנגעהויפטן מיסט.

פון בארג באזוניקטן מיט גינגאָלד פון דער שקיעה,
נידערט די בת-מלכה א באלויכטענע אראָפּ,
פעדער איך זיך איינזאלבן מיט בוימל און מיט מירע,
און בייגן פאַר איר ליכטיקייט מיין געזאַלבטן קאָפּ.
איך זע, זי שמייכלט מיט זונפאַרגאַנג אויף ברעמען,
און שטראַלט צו מיר מיט חסד און מיט רו,
איך פאָרכט מיך צו די טריט אירע, באָרוועסע, געגענען
נאָר אירע אויגן שטראלן: קום, געליבטער, דו...
הייב איך אויף די אויגן, פון בענקשאפטן צעווייטיקט,
און מיין געדאכטקייט נענטערט מיך צו איר,
נאָר ווי! עס האָט א קרעמערל צו שטראל אירן געניייטיקט,
און שפּרינגט צו איר אויף פינגער-שפּיץ דורך הינטערטיר...
לכה דודי — זינגט דער וויינקרעמער צופרידן,
און קלינגלט צו מיט שליסל פון וויינקרעמל אין טאש,
ער פרעפלט צו איר רייד וועגן שפלות פון א יידן,
וואָס ציט חיונה, ווי א קאלב אנטוויינטע, פון א פלאש.
בלייב איך ביי דעם בארג-צופוס א זון-באשטראלטער אבל,
דער ווין-בעכער פון הארץ צעבלוטיקט אויף א שטיין,

די בת מלכה וויינט מיטן וויי-געזאַנג פון בבל,
ביז איר וויי-געזאנג אין טרויער נעמט פאַרגיין.
דעמלט שטיי איך אויף אין חושכדיקער נאַכטקייט,
און יאָמער אויס: נעם צו, אָ האר, מיין הויט און ביינער,
איך, וואָס האָב געגרייזט אין באשער פון מיין געדאכטקייט,
האָב אַלץ נאָך נישט מיין קאָפּ צעשמעטערט אָן די שטיינער.

הרצליה 1965, מערץ

חלום, מין חלום

חלום, מײַן חלום!

חלום, מיין חלום,
גילדענער פערד,
דערהויב אויף דיין רוקן
מיין גראָ פון דער ערד,
און ברענג מיך אהין
צו יענער זייט פיין,
פון ליכט און פון לייטער
און בלויקייט אין שיין,
צעפלאטער די פליגל
איבער תהום פון דער ערד,
חלום, מיין חלום,
גילדערנער פערד.

שטייג אויף אויפן באַרג
ביי אָדלערשער נעסט,
ווו ס׳פלאטערט דאָס הארץ
און דעם טרויער פארגעסט,
און לאָז מיך דאָרט שכור
פון פלי און פון גלי,
אין זונליכט געפאַנגען,
אין גאפונג-געקני,
ברענג מיך צום שיין
וואָס דעם שאָטן פארצערט,
חלום, מיין חלום,
גילדערנער פערד.

דאָרט וואַרט שוין די יונגפרוי
וואָס לעבט אין מיין ליד,
אין הילע און תפילה
אין זונגאָלד זי קניט,
און זינגט פונעם באַרג
איר ליבע-געזאַנג,
ביז צום דערהערן
מיין חלום אין גאַנג.
לעש אויס איר די בענקשאַפט
אין אויגן פאַרטרערט,
חלום, מיין חלום,
גילדערנער פערד.

ברענג מיך צו איר
מיט מיין זינד אויפן קאַרק,
און לאָז מיך אויף שטיינקייט
אליינקייט פון באַרג,
מיט ערדישער שווערקייט
צו געבן אַ פאַל,
און אויפגיין אין ליכט
פון פאַרגליווערטן שטראַל,
ווי נישט מיין ווי,
איך גיי ווו באַשערט,
חלום, מיין חלום,
גילדערנער פערד...

א פרילינג פתם

דער מאנדלבוים שטייט א צעבליטער —
מיין פענצטער באַראַמט אים אין ראַם,
און מיך האָט דער גאָט, דער גוטער, דער היטער,
געשענקט מיר אַ פרילינג אָן חלום אָן ציטער
אַ פרילינג פון סתם.

טרינק איך דעם כוס פון אַ ווייניקן פרילינג
אין גליווער-זכרון פון ווייט,
און וואָרצל אַרויס פון פאַרגאַנגענער בליונג,
און מיין כ׳האָב נאָך צייט.
אָט וועל איך אַ פרווו טאָן די פליגל אין פליען,
שכור פון טוי און פון בלוי.
אין לאַנד פון אַ פרילינג מיט וואָלקן כ׳וועל ציען,
צופוסנס פון שיינקייטן פאַלן און קניען,
צום גלידער-געזאַנג פון אַ פרוי.

דאָס האַרץ וועט אַ ברויז-טאָן גרייט אויפצוקוואַלן,
און אויפגיין אין ווייט און אין שטרייט.
אַ גרייטער צום פלי און אַ גרייטער צום פאַלן,
מיט אַלע חלומות, מיט בענקשאַפטן אַלע,
אַריבער מיין צייט.

דערווייל זינג איך אויס אַ נגון דעם פרילינג,
און באָרג ביי מיין יוגנט אַ גראַם,
און צאָל אָפּ מיט ווי מיין באַשיצער און היטער,
פאַר שטראַל פון אַ פרילינג אָן חלום, אָן ציטער,
אַ פרילינג פון סתם.

די שלאַנג

ווייסט ווען כ׳האָב דערקענט,
דעם גליאיק-קילן
לאַשטשענדיקן ווונדער:
צווישן סאַמעט-בריסט
און נאָפּלען פול מיט וויין,
האָט עס אַרויסגעבליקט מיט אויג פון גיפט-פּאַרלענד,
און תאווה-גלי אין צווייטן אויג באַזונדער.

אַראָפּגעבענקט נאָרוואָס פון בוים
צום גלאַטן בויך-גערונד און היפּטן שמאָלע,
אָנגעטרונקען זיך מיט זיסן, שאַרפן שוים,
און געקאָרטשעט זיך
צופוסנס פון דער קללה,
האָט דער פייערדיקער צונג-געבליץ
געשניטן אָט דעם לאַשטשענדיקן ווונדער,
פון אויג, וואָס שיקט אין האַרץ דעם פייער-שפּיז,
און צווייטן אויג פון סאַמעט-סם באַזונדער.

אויסגעבריט אין קילן פלאַם פון שויס,
קילט אין זאַמד דעם בויך-קראַמף ווייכן,
פון זינד אַרויס,
צום זינד-קוואַל דעם באַאינדזלטן דערגרייכן,
צינדט אָן דיין אויג,
און ווערסט פאַרברענט אין גלוט
פון לאַשטשענדיקן ווונדער,
פון אויג וואָס טרינקט נאָדלדיק דיין בלוט,
און צווייטן אויג וואָס לאָקט צו זיך באַזונדער.

אויף מײַן וויג איז געפאלן א שניי

ערגעץ געדענק איך די מעשה אַזוי:
אויף מיין וויג איז געפאַלן אַ שניי,
ליכטיק און קלאָר מיט מלאָכימשער פרייד,
באַשיינט האָט מיין וויגל די נויט.
די מאַמע געאָרעמט מיט גאָט פון אברהם,
אין שבת פאַרקליידט, אין וואָכנס פאַרטאָן,
דעם מלאך פאַרבעט, ער זאָל היטן מיין וויג,
און ברענגט אים צוהילף די קלאָר-ווייסע ציג.

דערנאָך קומט דער טאַטע און זינגט מיר אַזוי:
די אויגן פאַרמאַך פאַר געפאַלענעם שניי,
ווערסטו דערזען די זון אין איר גלי,
טשערעדעס שאָף אין בלוילעכן פרי.
און יעקב אבינו מיט שטעקן אין האַנט,
גייט דורכן ירדן צום אייגענעם לאַנד.
היט זיך, מיין קינד, פאַרן שניי אויף דיין וויג,
ביסט יעקב אבינוס אַ שניי-ווייסע ציג.

דער מלאך פאַרזען האָט צו היטן מיין וויג,
דער וואָלף האָט פאַרצוקט די שניי-ווייסע ציג,
און איך בין אַוועק אויף בלוי פונעם באַרג,
און טראָג ווי א קרבן מיין וויג אויפן קאַרק.
פון באַרג נידערט טשערעדע אונטן אין טאָל,
און טרינקט פונעם ירדן קילן קרישטאָל,
נאָר איך בלייב אויף באַרג — אַן איינציקע ציג,
און האַלט אויף מיין קאַרק אַ קרבן — מיין וויג.

ציַנדט אויפֿן וויג די זון אָן דעם שניי,
צעפּינקלט דער שניי זיך אין פּערל פֿון ווײ,
זונבלענד און שניי — און איך אינדערמיט,
מײַן טאַטנס און מאַמעס פֿאַרכשופֿטע ליד.
קוק איך צום ירדנס זילבערנעם ראַנד,
זוך יעקב אָבינו מיט שטעקן אין האַנט,
מײַן מאַמען אין שבת און וואָכנס פֿאַרטאָן,
און בענק נאָכן ליד פֿון גאָט פֿון אַבֿרהם.

א גרוס...

מיין ברודער דער דיכטער האָט אין זיינע בלויע אויגן
געבראַכט מיר פון מיין יוגנטלאַנד אַ גרוס,
איז אַ באָטשאַן איבער ביאַלאָוויעזשער וואַלד געפלויגן,
און זיך געשטעלט אויף דאָרפישן קרוציפיקסל אויף איין
פוס.
איז פון דעם פריצס הויף אַרויס די פאַננע יאַנינע,
פאַרהייבן אירע ליליע-הענט אין אַ תפילה אין אַ שטומער,
די נאָדל-ביימער רוישן אין האַרץ פון מאַנדאָלינע,
און ער איז נישט געקומען.

צביולקא! — בעט זי זיך ביים פאַכטערס טאָכטער,
לאָמיר אויפזינגען דאָס בענקשאַפט-ליד, אוי קאלינע!
דער פרילינג איז געקומען,
עס וויינט די מאַנדאָלינע,
און דער פאַניטש פון פאַריזש
האָט דעם וואַלד-וועג נישט געפונען.
דאָס זיידן טיכעלע קלויבט די פערל פון מיינע אויגן,
דער באָטשאַן איז שוין פון מאַטשעיס כאַטע
צו דער יעזשערע געפלויגן,
צביולקא! — לאָמיר זינגען דאָס בענקשאַפט-ליד, אוי
קאַלינע,
די נאָדל-ביימער וויינען אין האַרץ פון מאַנדאָלינע.

טויכט פון וואַלד אַרויס דעם פאַכטערס טאָכטער
צווישן בלעטער-גאָלד-לעגענדעס,
אַ באַהאָנגענע מיט פערל-טוי און דאָרפישע קאָלענדעס.
און ווישט די טרערן אָפּ פון פאַננעס וויע:
פאַניענקאָ! — בעט זי זיך —

דו ליכטיקסט ווי פון וואַסער אַ ליליִע,
דער וועג צו רויטער קאַלינע איז נישט זאַמדיק
און נישט שטויביק,
און נאָדל-ביימער-ליד אין מאַנדאָלינע הארץ
איז אייביק,
ער וועט קומען מיטן מאי,
ביים אויפבלי פונעם בעז,
פסח-צייט איז שטענדיק אַ גערעטעניש אויף נס.

זינגעןביידע אויס דאָס ליד
פון קאַלינע דער רויטער,
און דער פאַניטש פון פאַריזש —
אָט-אָ קומט ער,
אָט-אָ גייט ער,
און דער באָטשאַן טראָגט די בשורה
אין שטילן הימל-בלוי געפלויגן,
שענקט פאַראיינוועגס טראָפּנס בלוי
פאַר מיין ברודערס בלויע אויגן,
ברענגט ער מיר אַ גרוס פון דעם פרילינג-פויגל
איבער מאַטשעיס דאַך געפלויגן,
פון דער פאַננעס ווייסע הענט —
ליליִעס,
און פון פאַכטערס טאָכטער צביה,
וואָס באַזוניקט אירע וויעס...

א תפילה אויף א רעגן

זאָל זיין ס׳איז אַ חלום: כ׳בין געוואָרן אַ שטיין
אויף צעטריקנטער ערד, ביים ראַנד פון די וועגן,
די בענקשאַפט פון שטיין גייט אויף אין געוויין:
דערבאַרעם דעם שטיין, גאָט, גיב א רעגן!

דער ווירבל-ווינט האָט אַרום מיר פאַריאָגט
דעם עסיקן שטויב, וואָס ברענט אין די אויגן,
פון שפאַלט פון דער ערד עס יאָמערט און קלאָגט,
דער גוף פון אַ פויגל אין קרומפּלי געפלויגן.

אין ברי און געפּרעס פון שמוץ און געשטאַנק,
איך פינקל אינעם קלעפּיקן נעפּל אין הייסן,
דער נאַקעטער הימל דערדריקט דעם געדראַנג,
ווי אָפענע קברים אין טאָל פון די מתים.

און איך בין אַ שטיין באוואָקסן מיט שטויב,
דער שמוץ פון אַרום צעפרעסט מיינע קאַרבן,
גאָט, דעם פאָרהאַנג פון הימל פאַרהייב,
איך וויל ווי אַ שטיין אַ געוואַשענער שטאַרבן.

אַראָפּ זאָל אַ רעגן אויף צעשפּאָלטענער ערד,
און זאָל פון מיין שטיינקייט די שטויבן פאַרשווענקען,
צי איז שוין אַ שטיין אויך דעם חסד נישט ווערט,
דו זאָלסט אין זיין ריינקייט ערשטער געדענקען?

גיב מיר די שיינקייט צו שטאַרבן אין שטראַל,
גערייניקט אויף ביימערשע קרוינען ביי וועגן,
איידער צו ווערן אין שטויב אַ צעפּאַל,
צעלייטער מיין גוף אין שלאַקס און אין רעגן!

פאַרשווינדן עס זאָלן די פּרעש אַרום מיר,
דער וואָרעם-געקראָך פאַרגיין זאָל אין נאָרע,
מיין שטייניקע שיינקייט איך האָב דאָך פון דיר
איך קאָן נישט פאַרגיין אין געשטאַנק ווי אַ וואָרעם.

אַ רעגן! און זאָל דער קלעפּיקער נעפּל פאַרגיין,
און וואַשן דעם עסיקן שטויב פון די קאַרבן,
עס טאָר אין דעם שמוץ נישט לעבן דיין שטיין,
זיין שטיינקייט עס גאַרט אין דיין שיינקייט צו שטאַרבן.

הרצליה, נאָוועמבער 1964

עקומעניא

דער יידישער דיכטער האָט געהערט אַ געוויין,
איז ער געקומען מיט פידל און לידל צוגיין,
זיך צוקאָפּנס געשטעלט ביים געבוירענעם קינד,
געשפילט מיט באדויער אין אָפענעם ווינט:
„אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך,
צוגעדעקט מיט שינדעלעך,
און אין וויג ליגט אַ קינד,
נאקעט, ווי, אָן ווינדעלעך".

דערנאָך זענען געקומען קיסרים מיט בערד,
מיט ווינט אין די בערד און שטויב פון דער ערד,
און האָבן אויף קניען געטאָן דאָרט אַ פאַל,
צום פּישטש פונעם קינד און מיסט פונעם שטאַל.
די אָרעמע ציג געמעקעט האָט מע,
דאָס קעלבל — אַ קאַלב, געבלעקעט האָט בלע,
די מאמע איר ברוסט האָט געגעבן דעם קינד,
און אויף בערג פון גליל געפייפט האָט דער ווינט.

א קינד צווישן לעמער, מען דאַרף עס פאַרשטיין!
זענען קיסרים געקומען צוגיין,
פארוויקלט דאָס קינד אין קאָלדרעלע שטיל,
באשטאט עס אין קלויסטער ביים גלח האוריל.
דער גלח האוריל, א גוי אָן א ווייב,
מיט מאנטל פון שכינה באַדעקט האָט זיין לייב,
איז געוואקסן אַ גאָט, צו גאָט און צו לייט,
א קינד אינדערהיים, אַ גאָט אין דער ווייט,
דאָס קעלבל אין פעלד, אויפן טייכל דער שוואן
האָבן געדאוונט צום וואַטיקאַן.

נאָר ס'וויל אלץ נישט שווייגן דער אָפּענער ווינט,
און זינגט אלץ דאָס לידל פון געבוירענעם קינד,
פון יידישן דיכטער וואָס געקומען צוגיין,
מיט לידל און פידל צום קינדיש געוויין.
א ליד פון אַ דאך אָן שינדעלעך,
און פון אַ קינד אָן ווינדעלעך.

דער יידישער דיכטער שלאָפט שוין זיין שלאָף,
אים האָבן פאַרצוקט די הייליקע שאָף,
דער גלח האוריל אין זיין סאמעט-געוואנט,
געשפּרענקט האָט זיין בלוט דער וועלט אויפן וואנט.
איצט לויפט ער ארום איבער וועלט מיטן קינד,
אַנטלויפט פונעם ליד אינעם אָפּענעם ווינט.
און דער עקשן דער ווינט, דער שטיפער דער ווינט,
פארלויפט אים דעם וועג ווינטיש-געשווינד,
בלאָזט פון קינדעריש קעפל דאָס קרוינדל אַראָפּ,
און זינגט אים דאָס לידל מיט יידישן טראָפּ,
א ליד פון אַ דאַך אָן שינדעלעך,
און פון א קינד אָן ווינדעלעך...

קום נישט צו זיי מיט קיין משל

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
קום נישט מיט קיין טאָפּ צו זיי,
ברענג זיי נישט קיין משל,
וועסט אַרבן פון זיי ווינד און וויי,
אורוואַלדיש זייער געשריי,
אויף דיר און אויף דיין לשון.

קום נישט מיט קיין טאָפּ צו זיי,
זיי וועלן צינדן בינטן שטרוי,
און צינדן פלאַמען הייסע,
צום טאָפּ זיי וועלן טאָן אַ גיי,
און צו דער מאַמעס ווינד און וויי,
קאָכן דאָרטן פליישן...

טעפּ מיט פלייש — געזאַנג ביי זיי,
ביים טאָפּ אַ קאַראַהאָד-געדריי,
און אין דעם טאָפּ נבלה,
ס'איז דער משל נישט פאַר זיי,
פונווייטן רוף דיין רוף צו זיי,
צו די זין פון עלי...

פארגאנג

בלייב שטיין ביי דער טיר,
אַ ווײַלע בלייב שטיין.
הינטער טיר וואַרט אויף דיר
אַן עלנטער שטיין;
אויף דעם גיין צום פאַרגיין
שטראַלט ער אויס זיין געוויין,
אַ פאַרלאָשענער שטראַל
פון געוועזן און געביין.

בלייב שטיין ביי דער טיר,
גיי אין שיין נישט אַריין.
אין גליווער-געפריר
לעצטער שטראַל שטאַרבט אין שיין
און די נאַכט האָט געבראַכט
טונקלקלייד מיט איר שוואַרץ,
און אַ וואָרעם נאָגט אויס
לעצטן שטראַל פונעם האַרץ,
בלייב שטיין ביי דער טיר,
גיי אין שיין נישט אַריין,
דאָרט זינגט דער געזאַנג,
פון לעצט-לעצטן פיין.
בלייב שטיין ביי דער טיר
און דערנאָך גיי אַוועק.
באַלד וועט עלנטער שטיין
אַוועק אין זיין וועג,
און דער שטראַל טוט אַ פאַל
אין שפּליטער אויף שטיין,
און באַגערט צו דער ערד
צו איר שויס וועט ער גיין.
בלייב שטיין ביי דער טיר
און דערנאָך גיי אַוועק,
ס'גייט דער גאַנג צום פאַרגאַנג,
צום סוף פונעם וועג.

באַדויער

אַון עלנטע שיף אויפֿן נאַכטיקן ים —
מיין גוף שלייכט זיך דורך צווישן טונקעלע מויערן.
אַוועק און געלאָזט דיך — אין צאַנקען אַ פֿלאַם,
אַ לעבן כ'וועל טרויערן און כ'וועל באַדויערן.

ביי דער טיר ביסט געשטאַנען דיין עלנטן שטיין,
געבעט פֿון די הענט דיינע האָב איך פֿאַרלאָשן,
געלאָשן דיין שיין פֿון ליכטיקע ציין,
גערעדט מיט פֿאַרשטעלטן נאַכטיקן לשון.

דערנאָך כ'בין אַוועק אויף יענער זייט טיר,
און דו האָסט געשמייכלט מיט הייסן באַדויערן.
פֿאַר דעם וואָס איך בין נישט געבליבן מיט דיר,
אַ לעבן כ'וועל טרויערן און כ'וועל באַדויערן.

כ'וועל גיין אין די נעכט און זוכן דיין האַנט,
צווישן די טונקעלע נאַכטיקע מויערן.
פֿאַר פֿאַרשעמטן בראַנד און מענטשלעכער שאַנד,
אַ לעבן כ'וועל טרויערן און כ'וועל באַדויערן.

וועט קומען דער פֿרי און כ'וועל קומען צו דיר,
אַ נאַכטיקער שאָטן פֿון נאַכטיקע מויערן,
נאָר פֿאַר דער פֿאַרשעמונג פֿון דיין הייסן באַריר,
אַ לעבן כ'וועל טרויערן און כ'וועל באַדויערן.

ירושלים, יאַנואַר 1970

אין אײגענער פרעמד

די הענט ביי פרויען זענען שיין,
זיי ליכטיקן אויס זייער שיינקייט אַליין,
און ציטעריק-דין איז צו זיי דער טראָט,
נעמסטו און פירסט זיי צום בלוי-ליכט פון גאָט.

ווערט ווייס פון די הענט אין בלוי-שטראל פיאָלעט,
ברענט אין א גליוועך דאָס געבעט נעבן בעט,
ביז עס צעקרייט זיך נאַריש דער האָן,
אָ דיכטער, אָ דיכטער, וואָס האָסטו געטאָן?

גאָט רוט אויפן באַרג פון בלויען גראַניט,
אין שטיינקייט אליינקייט רוט ער און היט,
און וויינט אויף דער שיינקייט פון הענט אָפגעטאָן,
אָ, דיכטער, אָ, דיכטער, וואָס האָסטו געטאָן?

✶

מען זאָגט, אז א היים דארף האָבן פיר ווענט,
און שפליטער פון חלום אויף יעדערער וואנט,
און ווען חלום נעמט אויסגיין אין היץ-גלי צעברענט,
לעשט אים צום לעבן מיט מילך-שטראל א האנט.

ס'איז היים און געצעלט מיט חלום פארשטעלט,
א פרעמד-ווינט פארביי און קומט מער נישט אָן,
צעפראלסטו די טיר קעגן שטייניקן פעלד,
אָ, דיכטער, אָ, דיכטער, וואָס האָסטו געטאָן?

אַ חלום מען קאָן נישט פארפלאנצן אין שטיין,
פארפלאנצן אין גיין אָן טוי פון געוויין,
אָן מילך־שטראל פון האנט וואָס זוניקט אים אָן,
אָ, דיכטער, אָ, דיכטער, וואָס האָסטו געטאָן?

★

דו האָסט אים געפירט צו אייביקער שטאָט,
צו שטיינערנעם טראָט אין שטאָט פון געבאָט,
אויסגעטאָן האָט ער אין וועג זיינע שיך,
און א ליכטיקן שטראל גענומען מיט זיך.

איז ער געקומען צו אייביקער שטאָט,
געבליבן מיט גאָט אויף גאָטס בּאראָט,
נאָר דער שטראל האָט אין וואָלקן זיין ליכט אַנגעטאָן,
אָ, דיכטער, אָ, דיכטער, וואָס האָסטו געטאָן?

שיין איז צו קושן א שטיין אין געוויין,
דערהויבן און שיין אויף גראניט־טרעפּן גיין,
נאָר פארוואָס ווערן מאָן־בלומען גראָ ווי דער מאָן?
אָ דיכטער, אָ דיכטער, וואָס האָסטו געטאָן?...

אין דער זון

קום לאָמיר טרינקען
פון דער שטילקייט פון די בערג.
און ווי זיי, דעם געשריי
אין דער שטילקייט פארהיט.
ס׳איז די ליכטיקע שעה
וו איך און דו זענען דאָ,
און דער בלוי איבער אונדז —
פאר אונדז ביידן א ליד.

קום, לאָמיר טרינקען
פון דער רו פונעם טאָל.
ס׳זינגט דער טאָל אין זיין רו,
פונקט ווי איך, פונקט ווי דו,
ווען אין ליכט זינגט דער טאָל,
ווי דאָס ליכט פון דיין מויל,
און עס בליט-אויף און בליט,
ביי אונדז ביידן דאָס ליד.

קום, לאָמיר טרינקען
פון אונדזער הארצן די רו,
זי איז דורשטיק צום ליד
פונקט ווי איך, פונקט ווי דו,
באלד פארגיין וועט דער טאג,
און וועט פאלן אין טאָל,
לאָמיר זינגען דאָס ליד,
פון מיין הארץ און דיין מויל.

ירושלים. 7.1.70

***

אָנגעגליט און
אָנגעלויכטן,
ציט מיך צו דיין שיין און ציט.
בענק איך אויף אין מיינע פיינען,
צו דיין שטראלן,
צו דיין שיינען,
א סאטעליט.

עפנסטו די
אָרעמס דיינע,
וואלדיק-גרין און
ימאיק בלוי.
גיי איך אויף אין ליכט פון ווייען,
אויגן-גלי אין קיל פון שנייען,
און טרינק דיין טוי.

ווערן אויסגעגלוסט
די גלוסטן,
נאָפּלוויין אין גלי פון ברוסטן,
אומקרייז אין זיין גאַר.
און מיט ליפּנפייער רופסטו,
אומבאוווסטן קלאנג, באוווסטן,
אין זיין צער.

אייל איך ווייזן
און באווייזן,
צופאלן אין שיין פון קרייזן,
צו דיין ליכט.
און די טויען פינקלען, בלויען,
מיט באשאף און מיט חזיון,
אויף מיין געזיכט.

* *
*

לייג דיין קאָפּ אין מיין שויס
און די אויגן מאַך צו.
ס'איז די רו
מיד פון רו,
פונקט ווי איך און ווי דו.

ס'האָט א שטערן אין וועג
אונדז אראָפּגעשטראַלט ליכט.
און אוועק זיך
זיין וועג,
און פאַרבאָרגן ס'געזיכט.

נעם די שיין און דעם פּיין,
פון פאַרשפּעטיקטן שטראַל.
און לעב אויף
און שטרעב אויף,
מיין פאַרטריקנטן קוואַל.

וועט געזאַנג העל און דין
אויפן פעלד בלוי און גרין,
טאָן א פלאַטער אין פלי,
א פויגל אין פריי.

לייג דיין קאָפּ אין מיין שויס,
ליכטיק בענקשאַפטן אויס,
די וואָס זענען
פאַרביי,
שטראַל זיי אויף אויפדאָסניי.

געפאלן ביסטו, ברודער מיינער

לזכר יצחק טורקאָוו

... כנפול לפני בני עוולה נפלת (שמואל ב׳)

טרודפראָנטן און לאגערן,
זיי האָבן טראָפּנוויז און עמערוויז
דעם סם דיר איינגעגעבן.
און ווי רויבפייגל פארטשאַטעט,
די ריינקייט פון דיין האַרץ פארמאטערט,
און אין די נעגל זייערע א נעם געטאָן דיין לעבן.

געפאלן ביסטו, ברודער מיינער
א בוים אין וואלד
אין אָפּגעראטעוועטן ברענען.
אן אויסגעמאטערטער פון מטורפן געוואַלט,
צום לעצטן שטאפל פון דערהאַלט,
האָסטו באוויזן צו גענענען.

נאָר מיר, די אָפּגעפלויגענע פון דאָרט,
מיר טראָגן נאָך אין בלוט
די פארשטאָכענע סימנים.
ווי אויף שיינקייט פון דיין ריינעם וואָרט,
האָט זיך דער וויי ארויפגעפאָרט,
מיט פיין אויף דיין צעשניטן פנים.

געפאלן ביסטו, ברודער מיינער,
אינמיטן אויפגיין פון די טאָלן.
און איך וויין אויס די שווערע טענה

קעגן פינצטערע אמאָלן,
קעגן רויבפייגל פארטשאַטעט,
וואָס האָבן סם דיר איינגעגעבן,
די ריינקייט פון דיין האַרץ פארמאטערט,
און אין די נעגל זייערע א נעם געטאָן דיין לעבן.

שיידונג

דאָס פולע ליכט אין דיין צימער,
דיין אָפענער בליק קעגן מיר,
דער ווייַן אין קרישטאָליקן שימער,
די נישט-פארשלאָסענע טיר,
דיינע הענט — שטראלן אין שאָטן,
ווייטע, טונקל און קיל,
דיין שוועל מיט ציטער באטראָטן,
שפּילט פארלאָרענע שפּיל — —
פון אויפנעמען טראָט פול מיט ציטער,
א שיין טאָן מיט בלוי און מיט זון,
און נאָכדעם א פאל-טאָן מיט שפּליטער
און איינזאם אָפּשטארבן שטום.
דיינע אויגן טרוקן און טונקל,
באגלייטן צום שוועל שווערן טראָט,
אין גליאיקן פראָסט אין זיין פינקל
גליווערט דיין הייסער גענאָד.
דאָס פולע ליכט אין דיין צימער,
דיין אָפענער בליק קעגן מיר,
האָט אויסגעלאָשן דעם שימער
פון הארץ, הינטער דיין טיר.

די באלאדע פון אלטן בעטלער

זיצט דער אלטער בעטלער אויף א שטיין
און קוקט צו א ערשטן שטערן:
וואָס פינטלסטו, ממזר, וואָס איז דיין מיין?
דער סוד פון די טרערן איז מיינער אליין,
א פייג ועסטו זען ביי מיר טרערן.

מיין טאָרבע איז פול מיט טרערן-ברויט און זאלץ,
וואָס דארף איך נאָך מער צום דערנערן
מיט טרערן און זאלץ כ״עס זיך אָן ביזן האלדז,
כ״באגיי זיך אָן ממזרשע שטערן.

קרימט דער בעטלער זיין מויל מיט אַ איינציקן צאָן
וואָס גיפטיקט זיך אָן מיט גאוועך.
פלוצלונג דערזעט ער עס ליכטיקן אָן,
ווי זילבער-געשטיק אויף א פליושענער פאָן,
צום שטערן א חבר נאָך חבר.

אה, אה! זיך דעררעדט מיר אָפּשפּילן דאָ
א שפּיל פון שטערן-ממזרים!
אַט טו איך א שארף מיין איינציקן צאָן,
און צעפּרעס דאָ זיי אלע אינאיינעם.

טוט דער בעטלער א עפן די ליפּן מיט גיפט
און שלינגט איין דעם ערשטן שטערן.
דערפילט ער, א ליכט אויף די הענט זיינע טריפט,
און די הענט זיינע ליכטיקע ווערן.

מאכט ער צו זיינע אויגן און דאָס זילבער-ליכט
צעפינקלט די בעטלער-בגדים,
און פון זיין געזיכט צום שטראליקן ליכט,
זילבערט א זיידענער פאָדים.

וויינט דער בעטלער מיט זילבערנע טרערן אראָפּ
צום שיין פון זיינע הענט די צעשטראלטע,
און די נאכט נעמט דעם בעטלער מיט זיין טאָרבע אויף זיך,
אין איר קלייד זיין טרויער באהאלטן.

דער װונדערלעכער חלום פֿון רבי אַבֿרהם־מרדכי פּיורקאַ

ענעם־אָ פֿאַרנאַכט װעט ער קײנמאָל נישט פֿאַרגעסן,
אַזאַ קאָן זײַן נאָר אײנער אַ פֿאַרנאַכט.
אין דער שול־גאַס אױף אַ שטײן איז ער אָפּרוען געזעסן,
און ס׳האָט די שקיעה אים אװעקגעפֿירט אין אַ געדאַכט,
... פֿײַגנבײמער ברײט־צעבלעטערטע אין בליען,
באַשאָטענען די לאָקן פֿון זקנים־קעפּ אין אַ שפּאַציר,
און אַ זילבער חכמה־פּאָדים װעבן זײ און ציען,
אַ כּוח װעגן תּכלית פֿון דער בריאה װערט געפֿירט.
און פֿריש זענען די ליפּן בײַ די גרײַזע זקנים,
און קלאָר איז זײער װאָרט אין שטילקײט פֿון פֿאַרנאַכט,
אַלע שװײַגן װען עס דרשנט אײנער,
און אַלע שײַנען אױף װען אַ ראיה װערט געבראַכט.

א ראייה אויף דער פראכט פון געטלעכער יצירה,
וואָס איינער נאָר, דער מענטש, מיט דעם איז נאָר געבענטשט,
דער פייגנבוים אין בלי, דער פויגל אין זיין שירה,
אלע זינגען אים א לויב-געזאנג, דעם מענטש.
ווייל א פארבאָרגן קוואל עס ציט זיך פון זיין הארצן,
און דערלאנגט צום שכל, וואָס איז איינציק נאָר ביי אים,
געפינען קאָן ער ליכטיקייט אויך אין וואָלקן שווארצן,
און זינגט אויס זיינע טרויערן מיט כוח פון זיין שטים.
ווען זקנים פעדים זיידענע צווישן מענטש און טבע,
און מוחות קלאָרע שיינען אויף מיטן באשאף,
פון כנרת-ים פליט אָן א ווייסע מעווע,
פליט דורך און לאָזט די זקנים אין זייער אויגן-גאף.
און פלוצעם הערט א קול זיך פון איינעם אזא זקן:
דער מהלך פון כנרת ביז גרייעווע דער שטאָט
איז דורך אונדזער שיין גראָדיק אויסגעטראָטן,
דו זיצער אויפן שטיין, פארנעם אונדזער געבאָט!
יעמוד, רבי אברהם מרדכי
צום פייגנבוים-געפלאנץ אין שול-געסל ביי דיר,
מיר זענען אין דיין חלום איצט און אונדזער אויער
האָרכט דיך,
פראל אויף פאר חכמה ליכטיקער דיין טויער און
דיין טיר. — — —
יענעם-אָ פארנאכט וועט ער קיינמאָל נישט פארגעסן,
אזא קאָן זיין נאָר איינער א פארנאכט,
ווען ער איז אין דער שול-גאס אויף א שטיין געזעסן,
און דערזען אין וואָר זיין חלום אין געדאכט.

איז רבי אברהם מרדכי פיורקאָ אויפגעשטאנען פון זיין זיצן,
זיין בלאָנדע באָרד האָט אויפגעפלאמט אין שקיעה מיט
א פלאם,
עס לעבט נאָך דער פארשטאנד, ס'איז נאָכנישט כלו כל
הקיצין,
באצווייגן און באבלעטערן קאָן מען נאָך דעם שטאם.
לאָזט זיין שמאָלער הויכער גוף אין שול-געסל זיך גיין,
צום אלטן בית-המדרש מיטן משופעדיקן דאך,
בלייבט א ווײַלע ביי דער שוועל א פארטראכטער שטיין,
און ס'דוכט זיך אים ער שטייט אויף בלויע וועגן פון תנ"ך,
ויעזקהו ויסקלהו — זינגט אין אים א ווייטער נגון,
ס'איז דער ווײַנגאָרטן פארגרייט, גערייניקט און פארצאמט,
כ'האָב געהאָפט פון אים טרויבן-זאפטיקייטן קריגן,
פארוואָס איז ער מיט פוילקייטן זיך צעפאלן ביי דער וואנט?
ווידער אפשר דארף מען דאָ דעם צאם פארצאמען,
ווידער רייניקן די ערד פון קיזלשטיין,
געבלעטער וועט נאָך בלעטערן אויב ס'זענען דאָ די שטאמען,
געטובלט אין דער זון ביים אויפגיין און פארגיין.
רבי אברהם מרדכי פיורקאָ עפנט אויף די בלויע אויגן זיינע,
אן אָנגעשפארטער שטייט ער ביי בית-המדרש-וואנט:
ווי קאָן איך קומען צום געפלאנץ מיט טענה,
און נישט באשטראלן אים מיט ווייכקייט פון מיין האנט?
איך וועל די „נטעי נעמנים" אליין פארפלאנצן,
דער „בוצר עוללות" כ'וועל זיין אליין,
איך וועל מיין לייב און לעבן זיי אָפגעבן אינגאנצן,
ביז דער ווײַנגאָרטן וועט זיין אויסגעשטייניקט, ריין.

בענטשט רבי אברהם מרדכי דעם פארנאכט פון די
פארנאכטן,
וואָס איינער נאָר קאָן זיין אזא פארנאכט,
ווען אין זיין בלויען בליק דורך וויעס צוגעמאכטע,
האָט זיך ווונדערלעך צעשיינט דער חלום אין געדאכט.
לאָזט ער זיך אהיים אין רב״ס געסעלע דער קרומער,
און הערט זיך איין אין נגון וואָס אין אים,
אויך שטומער שטיין נישט אייביק קאָן זיין שטומער,
דורך אות דורך בלייערנעם וועט דערהערן זיך זיין שטים.

ביים זאץ פון בליי עס שטייט דער יונגער זקן,
און בלעטערט אויף די לשון-קודש-שפּראַך,
„אמרות טהורות" לויכטן אויף די בלאָנדע לאָקן,
ווי אויף א סוכה דער צעגרינטער סכך,
קוואלט דער חכמה-קוואל טיפער אלץ און ברייטער,
פון גרייעווע דאָס שטעטעלע אין דער ברייטער וועלט,
איבער הייזער יידישע צעגייט ער זיך און גייט ער,
און קרוינען פון מלכים ווערן דאָרטן אויפגעהעלט.
און איך, דער קלענסטער פלאנץ פון יענעם ווונדערלעכן
גאָרטן,
וואָס רבי אברהם-מרדכי האָט מיט זיין האנט געגלעט,
לעב-אויף אין מיין זכרון יענעם ווייטן דאָרטן,
ווו ווונדערלעכער חלום צום רבין האָט גערעדט,
אין שול-געסל אין גרייעווע ווו ער איז אויף א שטיין
געזעסן,

אין איינעם א פארנאכט, וואָס נאָר איינער איז אזא
פארנאכט,
און דאכט זיך מיר, כ'וועל קיינמאָל נישט פארגעסן,
דעם בלאָנדן רבין וואָס האָט ליכטיק דערזעען דעם געדאכט.

אינהאלט:

ביי דיין טויער, ירושלים 9
אויף די בלויע פליגל פון דער שכינה 13
מיין גאנג צום כותל מערבי 15
אין רויש פון וואַלד 17
און געוועז זענען זעקס טעג 21
ווען דער ים האָט געלאַכט 27
תקון שבועות תשכ״ח 29
תפילות צום נייעם מחזור 31
צו דער מאַמען 33
די באלאדע פון א נשרף 37
מיר פאַר דיינע אויגן 38
עכן, דער זון פון כרמי 40
דאָס ליד פון אייביקן ייד 41
צו מיין מאַמען 42
פייער־פּאָעמע 46
אין געדענקשאַפט פון מיין שיר השירים 47
איך קום אָן פון חלום 49
בראשית 53
די באַלאַדע פון יונה הנביא און דעם שכור וואַסיל 55
מרים שמועסט מיט איר ברודער אהרון 56
די באַלאַדע פון לוט״ס ווייב 58
די באַלאַדע וועגן שמואל הנביא 60
די באַלאַדע וועגן געטלעכן משל 61
צו דער צייט 62
חלום, מיין חלום 67
אַ פרילינג סתם 69
די שלאַנג 70
אויף מיין וויג איז געפאַלן א שניי 71
אַ גרוס 73
אַ תפילה אויף אַ רעגן 75
עקומעניא 77
קום נישט צו זיי מיט קיין משל 79
פאַרגאַנג 80
באַדויער 82
אין אייגענער פרעמד 83
אין דער זון 85
* * * 86
* * * 87
געפאַלן ביסטו, ברודער מיינער 88
שיידונג 89
באַלאַדע פון אַלטן בעטלער 90
וואונדערלעכער חלום פון רבי אברהם מרדכי פיורקאָ 92

באַמערקטע דרוקפעלערן:

זייט 21 שורה 5 פון אונטן —

דארף זיין: **און ווערן צעליכטיקט אין שיין פון נייעם באַשאַף.**

זייט 24 שורה 4 פון אונטן —

דארף זיין: **וועל איך, און דו, און שטאַם, נידערן אין תהום צוזאַמען . . .**

זייט 45 שורה 1 פון אויבן —

דערף זיין: **געגאנגען בין איך אויף צעשטורעמטע וועגן**

זייט 53 שורה 6 פון אויבן —

דארף זיין: **און אַלץ האָט געשאַפן דאָס ליכט — ויהי**